STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09809

GEZAMLTE SHRIFTN FUN A KLOUKMAKHER

Abraham Carlin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אב. קאַרלין

געזאַמלטע שריפטן

פון אַ קלאָוקמאַכער

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון דעם רענק און פיול
איניציאַטיוו קאָמיטעט

ניו יאָרק
.1935

Copyright 1935
by
ABRAHAM CARLIN

פון אַ באַקאַנטמאַכונג אין דער פּרעסע

מיר, אַ גרופּע נאָדל־פאַך אַרבעטער, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ רענק און פייל איניציאַטיוו קאָמיטעט — אַרויסצוגעבן אין אַ בוך־פאָרם די געזאַמלטע שריפטן פון אַב. קאַרלין, אַ פאַך־ברודער און שאַפּ־חבר, אַ קלאָוקמאַכער, מיטגליד פון לאָקאַל 1 א. ל. ג. וו. יוניאָן. ברודער קאַרלין איז באַוואוסט פאַר זיין יוניאָן טעטיקייט און איבערגעבנקייט צו זיינע מיט־אַרבעטער אין שאַפּ, און אויפ׳ן ליטעראַרישן געביט האָט ער האַרציק טריי געשילדערט דעם אַרבעטער לעבן אין שאַפּ, אין צייט פון סטרייק, אויפ׳ן פּיקעט־ליין, אין דער פאָרם פון קורצע און לייגגערע דערציילונגען, שילדערונגען און שאַפּ־בילדלאַך.

מיר דענקען (גערעכט צו אומגערעכט, דאָס לאָזן מיר צו דער קריטיק), אַז דער בוך וועט זיין אַ באַדייטנדער ביישטראַג צו דער פּראָלעטאַרישער אידישער ליטעראַטור. דערך אַגב ווילן מיר באַמערקן, אַז ברודער קאַרלין האָט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר דורכגעמאַכט דריי געפערלאַכע, שווערע אָפּעראַציעס. אַזוי ווי ער איז געווען אַ „זכה בגורל״, געבליבן מיט אונז צווישן די לעבעדיקע, האָבן מיר באַשלאָסן צו דער געלעגנהייט אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן אין אַ בוך־פאָרם, אַלס באַגריסונג צו זיין געזונט ווערן.

איצט, ביים שוועל פון פאַרווירקלאַכונג, האָבן מיר דאָס פרייד און פאַרגעניגן, אַלס רענק און פיילער, ברייגען פאַר אייך דערווייל אַ קליינעם טייל פון זיינע שאַפונגען.

האָפנדיק, אַז אונזער פרואוו וועט פאַרשאַפן די לעזער אַ גייסטיקן עסטעטישן פאַרגעניגן און ווינשנדיק דעם מחבר, ברודער קאַרלין, דערפאָלג אין זיין ווייטערדיקער טעטיקייט און אין זיין ווייטערדיקן שאַפן,

רענק און פייל
איניציאַטיוו קאָמיטעט.

רענק און פייל איניציאַטיוו קאָמיטעט

ר. צוקערמאַן	נייטן באָרוכאָוויטש
ס. ראָטמאַן	מ. צינקין
פיליפּ קורינסקי	מ. רעמבאַך
פייגל קורינסקי	אַלעקס פּאַדאָווער

וואָלף ביינער

גענעראַל עקז. באָארד א. ל. ג. וו. יוניאָן
עקז. באָארד לאָקאַל 1
דזשאָינט באָארד דרעסמאַכער יוניאָן
עקז. באָארד לאָקאַל 9
עקז. באָארד לאָקאַל 82
באָריסאָווער ברענטש 183 אַרבעטער רינג
א. ר. שול נומ. 8, בראָנקס

די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס און פּערזאָנען האָבן מעגלאַך געמאַכט די אַרויסגעבונג פון דעם בוך. איך דריק זיי אויס מיין האַרציקן דאַנק.

א ב. ק א ר ל י ן

אינהאלט:

זייט

אַכט 7
דער בלומען מאַנטל 10
אַ פּראַקטישער שאַפּ־טשערמאַן 17
אויף זיגמאַנ׳ס לעקציעס 20
פּרעזענטירן דעם שאַפּ־טשערמאַן 24
אַ מאָדנער מענטש 27
אויף אַ פּיקעט דעמאָנסטראַציע 30
צווישן קלאָוק־סטרייקער 33
אַמעריקאַנער גליקן 36
פון אַ היימישן בריוו צו אַ קלאָוקמאַכער 40
פון אַ קלאָוקמאַכער׳ס בריוו אַהיים 43
מזל טוב, שוועסטער 47
צעשיידונג 50
דורך דער פאָדערשטער טיר 54
שבת 58
ווען די מאַמע איז ניטאָ 69
אויף וועמען קיינער האָט ניט געוואַרט 78
אַ פייגעלע פליט 82
אַ פאַרלוירענער 88
שטומע בליקן 96
אין פייער פון שאַפּן 99
זעכצן יאָר 107
"ADJUSTED WORKER" 109
אַ שנײי אויפ׳ן האָדסאָן 112
אַ פייער־דריל 120
מ׳קומט מאָרגן אַריין 123
צוויי הערצער 127

קומט מיט מיר אין שאַפּ,
זעט דעם אַרבעטער לעבן,
פּרואווט פון דעם מאַטעריאַל,
עפּעס אַנדערש וועבן.

אַכט

(אַ מאַשינען טאַנץ)

אַכט שוואַרצע מאַשינען, מיט בולדאָג־פּנים׳ער,
צו פיר אין יעדער זייט שאַפּ.

•

אַכט קעפּ מיט שוואַרצע און גרויע האָר . . .
ווי בערגלאַך גראָז, לעבן יעדן בולדאָג בויך.

•

פון די אַכט שוואַרצע בערגלאַך וואַרפן זיך זעכצן
אויסגעבויגענע שטעקנס.

•

בויגן זיך איין די שוואַרצע בערגלאַך און שלעפּן אַרויף
אויפ׳ן ברוינעם גלאַנציקן טעלער אַ בלויען פּאַק.

•

לייגן זיך אַ העלפּט שטעקנס אויפ׳ן בלויען פּאַק, און אַ העלפּט
שלעפּן פון צווישן ווייסע שטריקלאַך בלויע לאַקשן.

וואַרפן די אויסגעבוויגענע שטעקנס אין דעם בולדאָג׳ס
גלאַנציקע ציינער די בלויע לאַקשן אַריין.

●

גיט דער בולדאָג אַ קרעכץ, און פון זיינע קרומע ווייסע
ציינער הערט זיך אַ זשירזשען: זשי — זשי — זשי . . .

●

און זעכצן אויסגעבויגענע שטעקנס גיבן זיך אַ הויב,
און אַכט בלויע פלאַכטעס פאַלן צום גרויען, פלאַכן
שטיין.

●

און פון אַכט שוואַרצע בערגלאַך רייסט זיך אַרויס
אַ קלאַנג: פאַרטיק אַ קלאָוק!

●

קומט אַ שטעקן מיט אַ גרויען בעזים פון אויבן
מיט צוויי לאַנגע גראַבליעס און טוט עס אַן אויף
אַ קרומן, אָנגעשטאָפּטן זאַק, און גיט אַ מאַך מיט די
לאַנגע גראַבליעס אין דער לופטן, און פון בולדאָג׳ס
בויך הויבט זיך אויף אַ שוואַרץ בערגל אויף צוויי
קאַטשערעס און שאַרט זיך צו צום אָנגעשטאָפּטן
זאַק און בלייבט שטיין.

●

פון דעם גרויען בעזים הויבן אָן פאַלן ווייסע שטיינדלאַך
אויפ׳ן שוואַרצן בערגל גראָז.

●

דאָס שוואַרצע בערגל הויבט זיך אָן גרויען, און ווערט
נידעריקער און נידעריקער ביז עס קייקלט זיך
ווידער אַוועק אונטערן בולדאָג׳ס שוואַרצן בויך...

אַ ברענענדיקער ווייסער קנויל וואַרפט זילבערנע פעדים
אין דער לופט, וואו די שוואַרצע בערגלאך זיצן.

●

און זייער שוואַרצע גראָז ווערט ווייסער און ווייסער.
אַ קלאַנג הערט זיך פון די גרויע ווענט :
דינג . . . דינג . . . דינג . . .

●

די בערגלאך ווערן העכער און העכער ביז זיי
שאַרן זיך צו צו די ווענט און דעקן זיך איבער
מיט גרויע פלאַכטעס.

●

און די שוואַרצע בולדאָגס בלייבן שטיין מיט
אָפענע מיילער. . . .

דער בלומען מאַנטל

יעדן סוף „סיזאָן“ הויבט מאַקס דעם אַפּרייטאַר׳ס ווייב אָן מאַנען אַ קאָוט פון איר מאַן:

— אויב איך האָב ניט ביי דיר קיין אַנדערע שענערע און בע־סערע זאַכן, טאָ זאָל כאָטש זיין אַ לייטישן, סטיילישן בגד. אויב ניט אויף יום־טוב, טאָ זאָל כאָטש זיין אויף אַ שבת, אַ זונטיק נאָך יום־טוב.

מאַקס פילט און טראַכט, אַז דער טאָן פון אירע רייד איז נאָך צו שוואַך. פיל גרעסערע פליכטן האָט ער צו זיין ווייב, פיל וויכטיקערע זאַכן פעלן איר אויפ׳ן טאָג־טעגלאַכן לעבן; די מעבל אין הויז איז אַלט און צעבראָכן; די ווענט אָפּגעקראָכן, דער פּלאָר צעריסן. ווער רעדט וועגן אַרויסגיין, אַרויספאָרן צו פריינד, אין טעאַטער, אָפּערא — ניט עס איז דאָ פאַר וואָס, ניט ס׳איז דאָ אין וואָס: ווידער דער זעלבער מאַנטל, די זעלבע הוט, די זעלבע שיך און זאָקן. נייַן, מ׳זאָל לאַכן, באַריידן: אַריינגעכאַפּט אַ חפץ אין אַמעריקע, חתונה געהאַט פאַר אַזאַ שלים־מזל...

מאַקס דער אַפּרייטאָר אַרבעט אין אַ גרויסן קלאָוקס שאַפּ. אַ סך מאַשינען מיט געזונטע, שטאַרקע, שנעלע אַפּרייטאָרס און נאָך העלדישער זיינען די פּרעסערס. טאָמער האָבן זיך געפונען צוויי עלטערע שניידער, כאָטש גאַנץ קרעפּטיקע אידן פאַר זייער עלטער, האָט זיי דער פאָרמאַן אויפ׳ן וואונק פון באָס אַוועקגע־שיקט. עלטערע, שטאָלצע, היימישע מענטשן האָבן זיך געשעמט

גייז אין דער יוניאָן פאַר „פּראַטעקשאַן“. איז איצט מאַקס פאַקטיש דער שוואַכסטער אַרבעטער אין שאַפּ.

דער באַס, דער אויפזעער האַלטן ניט פון קיין אַרבעטער, מעגן זיי זיין ווי געזונט, ווי שטאַרק און ווי שנעל — איין וואָרט האָט פאַר זיי דער באַס, „וואָר בייבים“. די צייטן נאָך דער באַ־רימטער וועלט־מלחמה זיינען געוואָרן אַזוי, אַז דער באַס און דער לענדלאָרד ווילן פּטור ווערן פון זייערע אַלטוואַרג. דער באַס וויל נייע „הענט“, כדי קריגן זיי פאַר ביליקער. און דער לענדלאָרד נייע שכנים, כדי קריגן העכערע רענט. זיצט מען אין די אַלטע רומס, אין דעם אַלטן שאַפּ; קוקט קרום דער לענדלאָרד, זידלט דער בעל הבית. וויפיל אַרבעט מען מאַכט איז אַלץ ווייניק. איבערהויפּט אויף מאַקס׳ן. אויף אַ נידעריקן בוים שפּרינגען ציגן. דער באַס, דער פאָרמאַן, דער אויפזעער און אפילו די אַרבעטער אויך.

ער איז טאַקע קליין אין וואוקס — איינגעבויגן, אויסגעדאַרט אַזוי, אַז אַ גוטער בלאָז פון סעם דעם פּרעסער אָדער היימי דעם אָפּרייטאָר וואָלט ער לייכט אומגעפאַלן. די זיבעצן יאָר קלאָוק־שאַפּ, דאָס שטענדיקע יאָגעניש, שרעק פאַר נייע „סטיילס“, פאַר קורצע סעזאָנען, פאַר לאַנגע „סלעק“, דאָס אַרומרייסן זיך פאַר פּרייזן, פאַר׳ן באַנדל מיט׳ן באַס און אַרבעטער, אַלץ צוזאַמען האָט אים פאַר אַ צעבראָכענעם שאַרבן געמאַכט. אפילו די לעצטע פאַר־בעסערונג אין טרייד: די קירצערע שטונדן, די העכערע ווייגעס און די וואָך־אַרבעט האָבן שוין מאַקס׳ן ווייניג געקענט העלפן פיזיש.

פונקט דאָס געגענזאַץ צו מאַקס׳ן איז זיין ווייב. אַ פולן וואוקס, שלאַנק בויגיק, מיט אַ באַוועגלאַכן בוזים, עם רוט אין איר קיין גליד; די ברוינע קאַשטאַנענע אויגן, די בלאָנד געבאַבטע לאָקן, די ווייסע אַלבאַסטער האַלז. זי איז זיין שטאָלץ, זיין צירונג. — מיין עני — רעדט מאַקס אַרוים מיט באַגייסטערונג. און אין זיינע אויסגעלאַ־שענע אויגן באַווייזט זיך אַ פייער׳ל פון גליק: — מיין עני...

— איז וואָס פאַר אַ קאָוט זאָל איך דיר מאַכן, אַ שוואַרצן —

דזשיראַנאַ געטרימט מיט פאַר, אָדער אַ געשטרייפטן ספּאָרט קאָוט, צי גאָר אַ גלאַטן ווייז־קאָליר שטאָף מיט גאָלד־געשפּריצטן טוויסט?

ד ז ש י ר אַ נ אַ — ציט זיך לאַנגזאַם פון אירע פּערלדיקע ציין.

— האָט מען שוין פאַר־אַ־יאָרן געטראָגן, אַ ספּאָרט קאָוט מוחל — גיט זי מיט אַ אויסערלאַכן שמייכל אַ מאַך מיט אירע „מאַנאַ ליזאַ" הענט. — אַ קאָוט מיט טוויסט? אַ קאָוט מיט טוויסט, רעדט זי איבער צוויי מאָל — איך גלייך דאָס ניט. פוי, פוי, פוי. איך וויל דאָס ניט. זינט דו האָסט מיר איבערגעניית דעם אַלטן קאָוט און אויסגעשטעפּט מיט טוויסט, איז אַז איך זעה אַמאָל אַ פרוי אין גאַס גייענדיק אין אַ קאָוט מיט טוויסט געשטעפּט שטעלט זיך מיר פאַר ס'איז אַ פרוי פון אַ קלאָוקס־אָפּרייטאָר און זי טראָגט אַן אַלטן, איבערגענייטן קאָוט.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט ניט קיין שוואַרצן דזשיראַנאַ קאָוט, קיין ספּאָרט קאָוט אין געשטרייפטן צייג און וועגן אַ גלאַטן ווייז־קאָליר מיט גאָלד געשפּריצטן טוויסט איז ניטאָ וואָס צו ריידן. בלייבט ער שטיין מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און קלערט: אויב ניט אַזאַ קאָוט און ניט אַזאַ קאָוט, טאָ וואָס זאָל איך איר מאַכן? זי איז דאָך אַזאַ שענהייט, זי האָט דאָך אַזאַ רייכן געשמאַק און אַזאַ גראַציעזן אויסזען. נאַרן איר ווי אַנדערע קען מען דאָך ניט, זי איז דאָך אַזוי קלוג. אַיי די נאַרישקייט וואָס זי האָט מיט מיר חתונה געהאַט...

די געשיכטע פון דער חתונה פון מאַקס'ן מיט זיין ווייב עני איז ווי אַ מעשה פון טויזענט־און־איין־נאַכט:

מיט צען יאָר צוריק, פאַר דער בלוטיקסטער מלחמה פון אַלע צייטן, דער דלות האָט געפייפט אויף די באַרימטע ניו יאָרקער איסט־סיידער גאַסן און הייזער. אויף יעדן אַפּפאַל באַרל זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן געזוכט, גענישטערט אַ זעמל, אַ קויל, און אין יעדן הויז איז געווען אַ געשעפט מיט „באָרדערס" און „באָרדערקעס".

אין אַזאַ הויז האָבן געוואוינט מאַקס און עני. אמת ניט ביי קיין פּרעמדע. דער „מיסטער" איז געווען מאַקס'עס אַ לאַנדסמאַנ'ס אַ פריינט און די „מיסעס" — עני'ס אַ קוזינע'ס אַ פריינט. מאַקס האָט געהאַלטן אַ צימער פאַר זיך, פאַר פינף „טאַלער" אַ חודש און עני איז געשלאָפן אין פראָנט־רום פאַר דריי „טאַלער" אַ חודש.

עני האָט געוואוסט אַז מאַקס איז אָרים, ניט קיין שיינער — געבילדעט אפשר מיט אַ קלייניקייט מער פאַר איר. דאָס איינציקע וואָס מאַקס איז באַזעסן אין אַ פולער מאָס, איז אַ קאָפּ מיט שוואַרץ־געקרויזטע האָר און אַ ווייכע פּאָעטישע אויסשפּראַך.

מאַקס האָט געקוקט און באַוואונדערט איר אויסערלאַכע שיינ־קייט, ניט מיט ווערטערלאַכע קאָמפּלימענטן חלילה, נאָר אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. ריידן, פלוירטן ווי אַנדערע יונגע לייט, זאָל גאָט היטן. דאָס האָט ער קיינמאָל צו קיינעם ניט געוואָגט, — איבערהויפּט פאַר עני'ן.

עני איז געווען, פּאַרקערט, אַ שטיפעריקע, אַ ריידעוודיקע. זי האָט ליב געהאַט אים אַריינצוציען אין אַ דיסקוסיע איבער ליבע און הייראַט. אין דער שענסטער פּאָעטישער שפּראַך און פאָרם פלעגט איר מאַקס איבערציינגן זיין שטאַנדפּונקט...

מאַקס האָט גאָר קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזן אויפ'ן געדאַנק, אַז ער זאָל קענען חתונה האָבן מיט עני'ן. דער גרויסער אונטער־שייד אין די יאָרן — ער נאָענט פון דרייסיק און זי, אפילו נאָך קיין צוואַנציק. שיין, מיט בלוט־יוגנט אין איר ריר און גאַנג. ער, ביי אים האָבן זיך שוין געגומען אויסלעשן דער גלאַנץ פון די אויגן, אַ גרויער האָר האָט זיך ניט זעלטן באַוויזן אין זיין קאָפּ און היפּשליכע קנייטשן אַרום מויל און שטערן.

שטיל אויף די שפּיץ פינגער פלעגט מאַקס פאַרבייגיין איר בעטל אַלע נאַכט אין פראָנט רום. זעלטן פלעגן זיי זיך זען בייטאָג אָדער אין אָוונט. ער איז שטענדיק שפּעט אַהיים געקומען. ביי אַ מיטינג, אַ באַל, אַ לעקציע אָדער אַ טעאַטער פלעגט מאַקס פאַר־ברייננגען זיין צייט. האָט אויסגעמידן איר געזעלשאַפט, האָט שוין

אפילו געקלערט וועגן זוכן אַן אַנדער צימער. ס'איז אים ניט אַנגע־נעם יעדע נאַכט דאָס דורכגיין פאַרביי איר שלאָפענדן קערפּער... ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צוליב אים איז זי אין פראַנט־רום. ער האָט געוואוסט, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט זיך אַרויסציען וועט זי אַ חבר'טע, פריינדינע קריגן און זיי וועלן פאַרנעמען דעם פאַר־מאַכטן צימער...

איינמאָל שפּעט ביי נאַכט, ווען אַלע אין הויז האָבן שוין גע־שלאָפן, דער „מיסטער", די „מיסעס" און די קינדער האָבן זיך שוין איבערגעדרייט אויפ'ן צווייטן זייט, אין אַלע צימערן איז געווען שטאָק פינסטער, איז מאַקס געקומען פון טעאַטער, געזען אַ וועלט באַרימטע פאָרשטעלונג, דעם גרויסן קינסטלער יעקב פּ. אַדלער אין דעם „לעבעדיגען מת" פון גרויסן שריפטשטעלער און דענקער לעוו טאָלסטאָי. איז מאַקס, ווי געוויינליך, שטיל אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין הויז, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם פאַרבייגעגאַנגען עני'ס אייזערנע בעטל.

— מאַקס! — האָט אַ קלונג געטאָן עני'ס שטימע.

ביים צווייטן רוף איז מאַקס צו איר צוגעגאַנגען, און שטיל אַ פרעג געטאָן: וואָס ווילט איר? וואָס קען איך טאָן פאַר אייך? — פונקען זיינען געלאָפן פון זיינע אויגן.

— וואָסער — האָט זי אין אַ פאַרחלש'טן טאָן געבעטן, — מיר איז ניט גוט...

ער האָט אַ שוועבעלע אָנגעריבן, אָנגעצונדן די גאַז. אַ גריל־צענדער פייף פון די גאַז האָט אויפגעריסן די נאַכט־שטילקייט. זי האָט אים גיך געהייסן פאַרדרייען די גאַז, זי האָט אַ זופּ געטאָן דאָס וואַסער, די ווייסע ברוסטן אירע האָבן זיך אין פייער־שיין אַ שפּיגל געטאָן.

— מאַקס, — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן — זעצט זיך אַביסל ביי מיר אויפ'ן בעטל. מאַקס האָט אָנגעהויבן ציטערן, ס'האָט אים געוואָרפן אַ צאָן אין אַ צאָן.

זי האָט אים ליכט ארומגענומען, אריינגעשטעקט אירע פינ־
גער אין זיינע האָר.

וואָס זאָל עס באַדייטן ? — איז עס מעגליך ?... — האָט מאַקס געטראַכט.

און יענע נאַכט האָבן זיי חתונה געהאַט...

זי איז אַן ערלאַכע, טרייע ווייב, אַן צערעמאָניעס. געדיינקען זיי די נאַכט פון זייער חתונה, שטיל אָן ווערטער ווערט עס אָפּ־געהיט. פאַר זייער צווילינג מאַכן זיי יעדן יאָר אַ געבורטס־טאָג שמחה מיט טאָרט, ניס, צוקערקעס און לימאַנאַד. צום דריטן געבורטס־טאָג האָבן זיי שוין דעקלאַמירט: „אוי ביזטו אַ שיין מיידעלע, ווי דו רייצט מיט דיין חן, דיינע בעקלאַך, ליפּעלאַך אויסגעטאַקט ווי שיין" — און דערנאָך זינגען זיי: „אונטער די גרינע בוימעלאַך" און שכנ'ישע קינדערלאַך אין פּאַפּירענע קרוינען פלעגן טאַנצן.

מאַקס איז אַ גוטער מאַן און פאָטער. ער איז ניט קיין קאַרגער, ער איז גערן צו טאָן אַלץ אין דער וועלט פאַר זיין ווייב און קינ־דער.

די קינדערלאַך זיינען בלאָנדע אינגעלאַך פון אַרום ניין יאָר, בילדלאַך פון דער מאַמען: דער מאַמע'ס אויגן, דער מאַמע'ס האָר, דער מאַמע'ס נאָז, דער מאַמע'ס גאַנג — גלייך ווי סטרונעס אין קלינגענדיקע קול'כלאַך...

שווער און וואַכעדיק איז דער שאַפּ. אַפילו טראַכטן קען ער ניט וועגן עני'ן מיט די קינדער.

— וואָס פאַר אַ קאָוט מאַכסטו דיין ווייב דעם סיזאָן — פרעגט מאַקס היימי'ן, דעם שנעלסטן אָפּרייטאָר.

— האָסט שוין צופיל געלט — שפּאַסט פון אים היימי — גרוי־סער פאַרדינער...

מאַקס האָט זייער און זייער געוואָלט מאַכן דעם יאָר זיין עני'ן אַ גוטן, סטיילישן בגד. די קינדער זענען שוין עלטער געוואָרן, מען

קען מיט זיי אומעטום גיין, צו אַ קאָנצערט און אין אַ טעאַטער. פאַר די קינדערלאַך מאַכט עני אַליין זאַכן. נאָר דאָס דערנידערונג בעטן דעם באָס, דעם צו־שניידער, דעם פרעסער. פון באָס האָט ער שוין אַמאָל געקראָגן אַזאַ שטופּ, פאַר בעטן די ערלויבעניש צו מאַכן אַ קאָוט, אַז ער איז אומגעפאַלן.

דאָס גאַנץ ביסל בלוט פון יאָרן קלאָוק־שאַפּ איז אים אין פּנים געקומען.

עס איז געווען אָנהויב סלעק. מאַקס איז געגאַנגען אין די גאַסן. די פאַר אָפּגעשפּאַרטע דאָלערס אין קעשענע. אַ גרויסער פענצטער פון אַ קראָם מיט פרויען קליידער אין דער 14טער גאַס האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. אַ צעטל מיט דעם ציפער 10 דאָלאַר האָט אים אין קראָם אַריינגעשלעפּט...

עני. — נאַ, זע, אַ וואונדערבארער קאָוט אָן טוויסט, ניט קליין ספּאָרט קאָוט און ניט קיין דזשיראָנאַ. אַן אָרענדזש קאָליר מיט אַ פוטערנעם ביוועך קאָלנער.

און ווי עני האָט דערזען דעם אַדרעס פון קראָם אויפ'ן פּעקל, האָט זי זיך מאָדנע אַ קרים געטאָן: — אין דער קראָם קויפט מען ניט קיין קאָוטס, נאָר שמאַטעס...

גאַנץ לייכטע גריבלאַך פון זומער־פּאַראַזיטלאַך און אינסעקטן האָבן באַצירט אַ גרויסן טייל פון דעם קאָוט... פאַרצווייפלט איז מאַקס געשטאַנען, געטראַכט און ענדליך געזאָגט:

— עני, איך וועל נעמען דעם קאָוט צו מיר אין שאַפּ. דאָרטן אַרבעט זעהר אַ גוטער שניידער, ער האָט „גאָלדענע הענט“ ער קען זייער גוט פאַרציען אַזעלכע און ענלאַכע פעלערן. ער האָט מיר אַמאָל אַזוי פאַרנייט אַ ריס, אַז קיינער האָט ניט געקענט דער־קענען...

פון שאַפּ האָט מאַקס דער אַפּרייטאָר געבראַכט אַ קאָוט... נאָר אַנשטאָט אַ גלאַטן ווייַן־קאָליר שטאָף, געשטעפּט מיט אַ גאָלד געשפּריצטן טוויסט, איז אויפ'ן אָרענדזש קאָליר קאָוט געווען אויף יעדע מאָיל־פּרעס, אויף יעדע מאָיל־לאַך אַ בלום פון טוויסט...

אַ פּראַקטישער שאַפּ-טשערמאַן

אַט איז אַ ספּאָנטאַנע פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער פון אַ קלאָוק-שאַפּ.

דאָס, וואָס איך שילדער דאָ, איז ניט קיין מעשה, קיין אויס-געטראַכטע דערציילונג. עס איז אַפילו ניט געשריבן פאַר וועלכן ניט-איז אָרגאַניזאַציאָנס-צוועק. עס איז אַ פּשוט'ער, אַ טעגלאַכער פאַקט פונ'ם שאַפּ-לעבן.

וואָס האָט פּאַסירט? וואָס האָט אַרויסגערופן דעם פּלוצלונג-דיקן מיטינג?

עס איז געווען אַזאַ מעשה:

נאָך אַ לאַנגן, פאַרגאַנגענעם ווינטער-סלעק און נאָך אַ לענ-גערן דערוואַרטענדן זומער-סלעק — האָט זיך דער שאַפּ פון מ. ר. איינגעשטעלט און איינגעזעצט אַרבעטן. אָפּגעאַרבעט אַ דריי טעג, האָט די פירמע געמאַכט „סטאָפּ" די שניידער, די וואָס אַרבעטן ביים האַנט, די פינישערס.

אַ חורבן! וואָס איז געשען? די אַרבעט איז שווער — גייט ניט פון די מאַשינען!

האָבן אָבער די שניידער אַ נאַטור צו וועלן עסן — אַלץ איינס צי די אַרבעט גייט פון די מאַשינען פון אָפּרייטאָר גרינג אָדער שווער. שטעלט זיך זיי פאָר דער פאַרגאַנגענער סלעק, און דער קומענדער הונגער — און זיי רעוואָלטירן.

און עס קומט צו אַ פּלוצלונגן שאַפּ־מיטינג.

דער שאַפּ־טשערמאַן, דער פירער פון שאַפּ, וואָס מיינט, אַז ער איז דער קליגסטער, דער פּראַקטישסטער, שטעלט זיך אוועק ריידן אויף שעה'ען, שפּאַלט אַ האָר אויף אַ האָר, ביז ער גיט איבער די קלענסטע איינצעלהייטן אַזוי, אַז פאַר די אַרבעטער בלייבט ניט קיין צייט צו זאָגן אַ וואָרט.

דער ביזנעס־אַגענט פון דער יוניאָן, וואָס איז ניי, פריש און אויפמערקזאַם, מאַכט אַ קורצן און אַ גוטן פאָרשלאָג: אין שאַפּ קיין מאַשינען פעלן ניט, אין טרייד קיין אַפּרייטאָרס פעלן אויך ניט און אַרבעט איז פאַראַן — דאַרף זיין ניט שווער משדך צו זיין די אַרבעטסלאָזע אַפּרייטאָרס מיט די מאַשינען!...

אי וואָס די אַלטע איינגעזעסענע אַפּרייטאָרס וועט פאַרדריסן די נייע אַרויפגעקומענע „קאָנקורענץ", נו, האָט זיי דער ביזנעס־אַגענט אויסגע'מוסר'ט, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַז געגנער־שאַפּט אַרויפצונעמען נאָך אַפּרייטאָרס.

גאָט האָט געהאָלפן — מ'קומט אין שאַפּ.

די אַפּרייטאָרס זיינען שוין קלאַסען־באַוואוסט, איבערצייגט... יעדע לייִדיקע מאַשין מוז האָבן אַן אַפּרייטאָר. עס בלייבט בלויז איין זאַך — אויספאָלגן דעם באַשלוס פון מיטינג און דעם אָר־דער פון דזשאָינט באָארד, ד. ה. ניט צו אַרבעטן קיין אָווערטיים.

וואָס טוט אָבער גאָט?... איז דער באָס אויך אַ קלאַסן־באַ־וואוסטער — אַ קלאַסן־באַוואוסטער קאַפּיטאַליסט, און ער דענקט אַנדערש, ער דענקט, אַז וואָס גרעסער די אַרמיי פון לייִדיק־גייער, פון אַרבעטסלאָזע, אַלץ בעסער איז פאַר די ביזנעס, פאַר זיין גע־שעפט; אַלץ גרעסער די בייטש, די מורא אויפ'ן קאָפּ פון אַרבע־טער!

גיט דער באָס אַן אָרדער, מען זאָל אַרבעטן אָווערטיים!

ווייסט דאָך אָבער דער באָס פון דעם נאָר וואָס אָפּגעהאַלטע־נעם מיטינג און פון דעם באַשלוס — „קיין אָווערטיים“.

דער באָס אַליין גיט ניט דעם אָרדער צו אַרבעטן אָווערטיים — ער טוט דאָס דורכ'ן שאָפּ־טשערמאַן. ער מיינט, אַז דעם שאָפּ־טשערמאַן וועט מען ניט אָנטזאָגן.

גראָד איז דער שאָפּ־טשערמאַן זייער און זייער אַ פּראַקטישער מענטש...

— איר וועט היינט אַרבעטן אָווערטיים, די פינישערס האָבן ניט וואָס צו טאָן.

די אָפּערייטאָרס האָבן זיך איבערגעקוקט. סטייטש? אַ מיטינג. באַשלאָסן, פאַראַן געַנוג ליידיקגייער, ניט געזאָגט אין דערהיים. אַז מען וועט אַרבעטן שפּעטער...

— איך זאָג: אַרבעטן אָווערטיים! — האָט דער שאָפּ־טשער־מאַן געסטראַשעט — אויב איר וועט היינט ניט אַרבעטן קיין אָווער־טיים, וועט מען אַרויפנעמען נאָך אָפּערייטאָרס... מ'וועט מאַכן צום סטאָפּן די פינישערס, איר וועט מער קיינמאָל קיין אָווערטיים ניט קריגן! ...

דער סוף איז געווען, דאָס די אָפּערייטאָרס האָבן דעם קלוגן, „פּראַקטישן“ שאָפּ־טשערמאַן ניט געפאָלגט.

מ'האָט יענעם טאָג קיין אָווערטיים ניט געאַרבעט.

אויף אַ צווייטן, אַ גרעסערן, ספּאָנטאַנעם שאָפּ־מיטינג האָבן די אַרבעטער אַרונטערגעזעצט זייער „פירער“, זייער פּראַקטישן שאָפּ־טשערמאַן.

אויף זיגמאַנ׳ס לעקציעס

ביידע זונטיקס, אין די טעג פון די לעקציעס פון פּרעזידענט זיגמאַן, זענען געווען ווי אויסגעגאָסן פון איין פורם. אין ביידע טעג האָט אַ פולע גלאַנציקע זון געשיינט אויף דער וועלט. איין לעקציע איז געווען אַ וואָך פאַר׳ן פרילינג, די צווייטע איז שוין אַריין אַ וואָך אין פרילינג.

און אַזוי זענען ביידע זונטיקס געווען שיינע, וואַרימע, זוניקע און ליבלאַכע.

די צוהערער פון דער לעקציע זענען מיטגלידער פון אונזערע לאָקאַלע יוניאָנס אין ניו יאָרק.

בראָנקס לייסעאום, דער זאַל, וואו די לעקציעס זענען אָפּגע־האַלטן געוואָרן איז געווען פול מיט קלאָוק־ און דרעס־מאַכער, — יום־טוב׳דיקע קליידער, יום־טוב׳דיקע פּנים׳ער.

דער פּרעזידענט, בר. זיגמאַן, קריגט דאָס וואָרט נאָך אַ קורצן פאָרוואָרט פון טשערמאַן.

אַט דאַכט זיך, אַז דאָ וועט געשלאָסן ווערן דער אייביקער שלום: אַט וועלן זיך אויספּרעסן די קנייטשן און גריבער, וואָס זענען גע־מאַכט געוואָרן אין דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גארמענט וואָיר־קערס יוניאָן. עס וועלן זיך איבערבעטן די פאַרשידענע פראַקציעס אין דער יוניאָן. ס׳וועט ווירקן דעם פּרעזידענט׳ס רייד און ס׳וועט אויסהיילן די ריסן אין הארצן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויף אַן ערשטן מאַי פייערונג אין יאָר 1925, אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז...

יאָ, אַלץ וועט גאַנץ ווערן. מיר זענען דאָך מענטשן, יעדער צד וועט צוגעבן זיינע פעלערן. דער פּרעזידענט, וואָס האָט אַלץ געזען מיט אָפענע אויגן, וועט עס איצט פאַרריכטן און גוטמאַכן.

טאַנצט אין מיר דאָס האַרץ פאַר פרייד. אַלץ וועט ווידער זיין גוט, שטיל און רואיק אין דער יוניאָן.

אָבער די ברידער און שוועסטער, וואָס זענען מיט מיר געזעסן אויף איין באַנק, האָבן זיך גענומען קרימען, וואָרום דער פּרעזידענט רעדט אויף דער איינלאַדונג פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע — מענטשן, זאָגן זיי, וואָס זוכן ווידער אַריינברענגען מיסטרויען אין דער יוניאָן.

אפשר האָבן זיי רעכט די ברידער און שוועסטער. אויף אַזאַ באַדן איז אַפילו נאָר אַ פונק פייער געפערלאַך.

דער לעקטאָר לאָזט לאַנג ניט וואַרטן און טראַכטן. „אַן ענלאַבע לעקציע — זאָגט ער — האָב איך מיט אַ קורצער צייט צוריק גע־האַלטן פאַר אַ סאָציאַליסטישן קלוב.“ און דאָס איז, דאַכט זיך, אַ גוטע אָנצוהערעניש, אַז אונזער פּרעזידענט וועט זיך ניט אָנטזאָגן צו ריידן פאַר אַלע גרופּן אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

„די טרייד יוניאָן — זאָגט ווייטער דער לעקטאָר — איז מיין לעבעדיקער קאַלעדזש; אין איר בין איך געגאַנגען צוואַנציק יאָר פון מיין לעבן. דאָ געפין איך מיין פרייד, מיין גליק.“

ער מאָלט בילדער פון דער לעצטער בלוטיקער וועלט־מלחמה, ווי אַזוי אַלע אַרבעטער זענען אַוועק אַרבעטן מלחמה־פּראָדוקטן, אַפילו מאַכן מאָרד־אינסטרומענטן. ניט נאָר מענער, נאָר אויך פרויען. ניט נאָר האָבן פרויען געאַרבעט ביי געוועגלאַכער פרויען־אַרבעט, נאָר זיי האָבן איבערגענומען מענערשע אַרבעטן. און אַזוי אַרום איז די פרוי געענדערט געוואָרן אין גייסטיקן זין און אויך אין דער אַרט פון קליידונג, — „ניקערס“ אַנשטאָט קליידער.

די צוויי און דרייסיק „סימיקע“ (נעט) דזשעקעטס, — זאָגט ער, — זענען אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אַנשטאָט דעם איז איצט דאָ

אין אַ דזשעקעט אָדער אַ קאָוט נאָר צוויי, העכסטנס דריי סימס. און דאָס האָט געהאָלפן שאפן אַ קריזיס אין אונזער אינדוסטריע.

דער לעקטאָר וויקלט אַליץ מער פאַנאַנדער דאָס בילד פון אונזער אינדוסטריע, פון אונזער לעבן. ער פילט זיך שטאַלץ, דאָס ניט קוקנדיק אויף דער צייט פון איבערבוי, פון אומקערן זיך צו די געוועגלאַכע נאָרמאַלע אומשטענדן, איז אונזער יוניאָן געבליבן שטאַרק. אפילו די שרעקלאַכע אַפּן־שאַפּ באַוועגונג האָט אונז גע־שאָדט ווייניקער, ווי אַנדערע יוניאָנס.

די צווייטע לעקציע

(ענטפערס אויף פראַגן)

ווי עס פירט זיך אויף אַזעלכע לעקציעס, שטעלן די צוהערער פראַגן. פרעגט מען דאָס ניט דערזאָגטע און דאָס ניט אויפגעכאַפּטע פון דער לעקציע. אָבער אונזערע שוועסטער און ברידער זענען מיט זייער פרעזידענט היימיש, אפשר שוין אביסל צו־היימיש... פאַראַן אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן מיט אים ביי איין טיש די 32 „סימיגע" דזשעקעטלאַך געפרעסט. פרעגט מען דעם פרעזידענט אויך אַזעלכע פראַגן, וואָס האָבן ניט קיין שייכות מיט דער לעקציע...

פונקט ווי קראַנקע, וואָס האָבן ליב צו ריידן פון זייער ווייטיק, אַזוי האָבן זיך די פראַגן־שטעלער ארויפגעוואָרפן אויפן פרעזידענט מיט ווייטיק־פראַגן: ווי מען קען באַזייטיקן פּראַקציעס און ווי קענען געגנער ארבעטן צוזאַמען, וועגן געלט־פאַרשווענדונג און וועגן מעטאָדן צו שטראַפירן לאָקאַלע באַאַמטע און נאָך אַ סך אַזוינע און ענלאַכע פראַגן.

אין קורצן, מ'זעט אַז דאָס איז ניט קיין פראַגן, דאָס זענען וואונדן! וואונדן, וואָס מוזן וואָס גיכער פאַרהיילט ווערן. וואָס גיכער — אַליץ בעסער.

און אויף שמערצלאַכע פראַגן ענטפערן אַ קראַנקן, בפרט אויף „פאַד קראַנקייטן", דאַרף מען שוין זיין נאָר אַ גוטער דאָקטאָר, אַ

גרויסער ספּעציאַליסט — די קראַנקע זאָלן זיך ניט פאַרלירן, עס זאָל זיי ניט צו פיל וויי טאָן.

אָט ענטפערט אונזער פּרעזידענט, בר. זיגמאַן, אויף די שמערצ־לאַכע, אפשר אויף די שמערצלאַכסטע פון אַלע פראַגן — וועגן דער אויסשליסונג פון די דריי עקזעקוטיוועס, פון די לאָקאַלן 2, 9 און 22. אויב עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַן אומרעכט מיט דער אויס־שליסונג, זאָגט ער, איז אָבער נאָך אַ גרעסערע אומרעכט באַגאַנגען געוואָרן פון דער „עקשאַן קאָמיטע", מיט אירע מעטאָדן...

אַ שטילע ברומעריי, דערנאָך אַ העברערע — מאַנכע צווישן גרויסן עולם ווערן אויפגערעקט.

אַ טומלדיקער איבעררייס.

אונזערע שוועסטער און ברידער שטייען שוין אויף די פיס, די שטולן ווערן צורוקט. ביים פּלאַטפאָרם באַווייזט זיך אַן „אָרדנונג־היטער".

די אַמעריקאַנער פאָנען, רויט, ווייס און בלוי, די הויפּט־באַ־פּוצונג אין זאַל, דרייען זיך אויטאָמאַטיש לאַנגזאַם. די מאַסע באַ־רואיקט זיך. דער לעקטאָר שליסט די לעקציע מיט די ווערטער: „די יוניאָן איז די איינציקע שטאַרקע קראַפט, וואָס וועט ענדלאַך פאַרבעסערן און פאַרשענערן אונזער לעבן, צו וואָס מיר אַלע שטרעבן, כאָטש מיר גייען צום ציל אויף פאַרשידענע וועגן."

ס׳איז נאָך געווען אין מיטן טאָג. די זון האָט געשיינט און גע־וואָרימט. אין דערבייאיקן קראָטאָנאַ פּאַרק האָבן זיך די צווייגן לייכט געשאָקלט: ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַ פרילינג־ווינטל האָט דורך זיי אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז אַ נייער זומער קומט. — און אַ נייער זומער פאַר׳ן ארבעטס־מאַן וועט און מוז קומען!

פרעזענטירן
דעם שאַפּ־טשערמאַן

דעם מאָל איז דער שאַפּ־מיטינג פון די אַרבעטער פון דער „מערזאַוויעץ קלאָוק קאָמפּאַניע“ געווען גוט באַזוכט. עס זענען געווען אַנוועזענד די אָפּערייטאָרס, שניידערס, פּרעסערס, קאַטערס און סעמפּל מאַכער.

א גוטן סעזאָן האָבן זיי געהאַט. צען וואָכן געאַרבעט מיט אָווערטיים...

אין שאַפּ איז אין דער צייט פון סעזאָן אַלץ אַריבערגעלאָפן רואיק... בלויז אַ פּאָר מאָל האָט דער באָס מיט דעם אַדוואָקאַט פון זיין אַסאָסיאיישאָן געשראָקן און געסטראַשעט די אַרבעטער, אַז אויב די „פּראָדאָקשאָן“ וועט זיך ניט פאַרבעסערן, גייט ער אַרויס פון די ביזנעס און ווערט אַ „דזשאָבער“... און דאָס איז געווען ביים געבן די „פּעי“, ווען אַן אָפּערייטאָר איז אַ גע׳חלש׳טער געלעגן ניט ווייט פון זיין מאַשין.

דער שאַפּ־מיטינג איז געווען דעם מאָל אַ יום־טוב׳דיקער. מ׳האָט זיך ניט געהיצט און ניט געקאָכט. איינער האָט ניט געזאָגט נאַכט, ווען דער אַנדערער האָט געזאָגט טאָג...

איין געפיל האָט אַלעמען באַהערשט, — אַ פּרעזענט פאַר׳ן

שאַפּ־טשערמאַן... און דער שאַפּ־טשערמאַן איז דאָס טאַקע ווערט געווען.

אַט איז די רעזאָלוציע, וואָס די פּאַרזאַמלטע האָבן אויסגעאַרבעט, איבערגעבנדיק אַ ווערטפולן פּרעזענט דעם שאַפּ־טשערמאַן, אַ דימענטענע שפּילקע מיט אַ גאָלדענע פּאָונטיין־פּען.

„נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט, אַז אונזער פירמע, די „מערזאַוועץ קלאָוק קאָמפּאַניע", וואָס האָט שוין עטלאַכע מאָל געפיילט און אַנגעזעצט די אַרבעטער די ווייִדזשעס, האָט שוין צום דריטן מאָל געסטראַשעט די אַרבעטער און אויך די פירער פון דער יוניאָן אַליין, אַז צום נעקסטן סעזאָן גייט זי אַרויס פון קלאָוק־מאַנופעקטשורינג און ווערט אַ דזשאָבער.

„נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט, דאָס נאָר אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון אונזער שאַפּ־טשערמאַן, ברודער נח למד, און דער ביזנעס־אַגענט, ברודער קוועקזילבער, וואָס האָבן די פירמע איינגעהאַלטן אין די ביזנעס, — טאַקע נאָר מיט זייערע לעצטע קרעפטן — און די פירמע האָט דעם סעזאָן געמאַכט גאָלדענע געשעפטן... און אין אַנבאַטראַכט דאָס די פירמע האָט אַרויפגענומען אַ נייעם דעזיינער, האָט אַרויפגענומען נייע סעמפּל־מאַכער, מיט דעם אויסרייד, אַז די אַלטע פלעגן זיך קריגן...

„אין אַנבאַטראַכט, אַז מער ווי איין אַפּרייטאָר איז לעצטן סיזאָן ניט געשטאָרבן, און מער ווי איין פינישער איז ניט „דיסטשאַרדזשט" געוואָרן און מער ווי צוויי אַפּרייטאָרס האָבן ניט געח'לש'ט ביי די מאַשינען און ווייטער איז אַלעס אַריבער אין בעסטן אָרדנונג, וואָס בעסער קען ניט זיין...

„זיי עס דאַרום באַשלאָסן, דאָס מיר פּרעזענטירן אונזער שאַפּ־טשערמאַן, ברודער נח למד, און אונזער ביזנעס־אַגענט, ברודער קוועקזילבער, און מיר ווינטשן ,אַז זיי זאָלן דעם פּרעזענט פאַרנוצן געזונטערהייט. אויך דריקן מיר אויס צו זיי אונזער פולע דאַנקבאַרקייט, און מיר האָפן, אַז זיי וועלן ווייטער „טרייען" זייער „בעסט" און איינהאַלטן אונזער באָס פון אַרויסגיין פון ביזנעס!...

„מיר באַשליסן אויך צו פאַרעפענטליכן די דאָזיגע רעזאָלוציע אין דער „אַרבעטער פרעסע“ און זאָלן אַלע נעמען אַ ביישפיל פון אונזער שאַפּ־טשערמאַן, ברודער נח למר, און דער ביזנעס אַגענט, ברודער קוועקזילבער“.

איינער פון די אונטער־פרעסער פון דעם שאַפּ, אַ קליין, גאַליציש אידל, האָט די דאָזיגע „מייסטערהאַפטע“ רעזאָלוציע פאַרגעלייענט, און ווען ער האָט פאַרענדיגט, איז ער פון אַלעמען ווארים אַפּלאָדירט געוואָרן.

אויפ'ן שאַפּ־טשערמאַנ'ס אויסגעדאַרטן בלייכן פּנים האָט זיך אַ גליקלאַכער שמייכל באַוויזן. „אַנערקענונג!“ — האָט אים אַ זעץ געטאָן אין מח...

אַ מאָדנער מענטש

(באַגעגעניש)

באַקלאַגט זיך פאַר מיר אַ ברודער, אַ „רענק און פיילער“, אַ שאַפּ־אַרבעטער, אַזוי צו זאָגן:

„די לעצטע צייט האָבן די רעדאַקטערע אונז צוגעוואָרפן אַ ביינדל... אויס קוריאָזיטעט דרוקן זיי אַמאָל אונזערע אַ מיינונג... מען ערלויבט אונז שוין לאָזן וויסן דער וועלט וואָס ביי אונז טוט זיך“.

„און גאַנצע קוואַלן פון קרישטאָל־קלאָרן ווײ טריפט פון אונזער האַרצן! און אומעטום וואו מ׳דרייט נאָר אָפּ דאָס קראַן, רינט אונזער רויטע בלוט“!...

„די רעדאַקטערע, — רעדט ער ווייטער, — האָבן זיך אַרומגעזען, אַז מיר זיינען מענטשן מיט געפילן; אַז אין אונזערע ניט־קלאָרע ווערטער, צעדרייטע פראַזן און אָפט ניט פאַרשטענדלאַכע געדאַנקען ליגן טויזענט־יאָריקע נשמות, צאַפּלדיקע, וואָס רייסן זיך פון דור צו דור זאָגן זייער וואָרט“...

כ׳האָב אויסגעהערט דעם מאָנאָלאָג פון דעם ברודער, פון דעם „רענק און פיילער“, פון דעם שאַפּ־אַרבעטער, און האָב אַריינגעקוקט אין זיינע פאַר׳חלומ׳טע אויגן.

— נו, איז וואָס? — פרעג איך אים. — איז דאָך גוט. אויף אַלץ קומט אַ צייט.

ער האָט פאַרשעמט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, אַ צי געטאָן מיט די לאַנגע געביינערטע פינגער אויף זיין פּנים און גענומען רעדן עפּעס מאָדנע ווערטער:

„קוק ניט וואָס איך בין שוואַרץ. דאָס איז דער אייביקער זון־ברען פון דער שניט־צייט אום זומער. אונזערע פינגער זיינען צעשניטן פון סנאָפּעס גאַרבן, פון זאַנגען קליינן, פון גראָב־אייזענס...

קוק איך אים אָן נאָך מער פאַרוואונדערט. מיר דוכט: איך הער נשמות ריידן... גייסטער פון פאַרצייטן, אַלטע, אויסגעזאָגטע, אויסגעזונגענע מאָטיוון. דאָס איז ניט קיין קיין וואָרט, קיין ליד פון אַ שאָפּ־אַרבעטער. אַזוי רעדט ניט דער, וואָס פּילט דעם מאַשין־רעדל, די מאַזאָליעס פון דעם גראָב־אייזן און ניט אפילו פון סנאָפּעס בינדן“.

הויבט ער אויף זיינע אויגן העכער, פאַרטראַכט זיך און זאָגט:

— „אָה, ליכטיקע זוניקע וועלט, ווי שיין דו ביזט! ווער עס קומט אונטער דיינע פליגלען, אונטער דיינע שטראַלן — אַלעמען דערוואַרימסטו, אַלעמען דערפרייסטו, אַלעמענס באַגליקסטו. אַ, הימל! בלויע ליכט! אויף אַלעמען לייכסטו, אַלעמען רופסטו; אויף אַלע רוט דיין טוי; אויף אַלעמען וואַרפסטו דיין פאַרב, אַלעמען ציסטו צו זיך...

און ער רעדט ווייטער:

— „לבנה! נאַכטיקע הימלס צירונג! אין דיין ווייסער פרייד, אין דיין מילד, פאַרכאַפּענדער האַרץ שפּיגלען זיך מיליאַנען הער־צער, מענטשלאַכע, פאַרליבטע. און . . .

„נאָך ווייטער, טיפער, פאַרשווינדט דער שאָפּ, די פאַבריק, די הייזער. ס׳באַקומט זיך אַ גן־עדן־ווייכקייט, גן־עדן זיסקייט. ס׳איז מן, מן פון הימל...“

— דאָס איז שיין גע׳דרשנ׳ט, — שלאָג איך אים איבער, — אָבער זאָג מיר עפּעס קאָנקרעטעס, עפּעס לעבעדיקס, אַזעלכעס

וואס האט א שייכות מיט אונזער היינט, מיט'ן טאָג טעגלאכן לעבן.

שטעלט ער אוים אויף מיר א פּאר אויגן, גלייך ווי כ'וואלט אים געהייסן הויבן א בארג...

— פון היינט? פון לעבן? —
פרעגט ער מיר איבער, און צוזינגט זיך:

מענטש, גראָז, הויכער בוים,
אלץ לעבט אין אונזער רוים:
זאמד, ווינט, רויטע בלום —
אלץ פארגייט און שרייט:
איך קום!...

כ'האָב ניט געהאט דאס הארץ דעם מאָדנעם מענטשן ווידער איבערצושלאגן... זאָל ער פאר א ווײלע פארגעסן דעם היינט, דעם איצט. און ער זינגט ווייטער:

פרילינג, זומער, הערבסט און ווינטער.
בוימער, צווייגן, בלעטער — גרין,
אלץ וואס לעבט גייט אהין!
יאָג אהער, יאָג אהין,
אויף דער פליג וואַרט די שפין...

און אפשר, טראכט איך, איז ער גאָר געךעכט. אפשר ליגט אין די ווערטער די פילאָזאָפיע פון לעבן, פון אלע שאפונגען און אלע אויפטואונגען?! אפשר ליגט אין זיי דער סוד פון אלע צייטן און פון אלע דורות?!...

אויף דער פליג וואַרט די שפין..

אויף אַ פּיקעט-דעמאָנסטראַציע

(פאַרצייכנט אויפ'ן פּיקעט־ליין)

מאָנטיק פרי, אין אַ יולי־טאָג, דער שלאָף האָט געצויגן מיט זיין זיסקייט. די לופט עטוואָס אָפּגעקילט, פון נאַכט און פון רעגן.

די פליכט איז בילכער, שטאַרקער, און זי רופט... בין איך אַריינגעשפּרונגען אין די שבת'דיקע און יום־טוב'דיקע קליידער און לויף מיט היץ, מיט אימפּעט וואָס גיכער צו „מיין“ שאָפּ, אויף דער פּיקעט־ליין.

אויף דער סאָבוויי, וואָס פירט מיך שוין ניין יאָר צו און פון דער אַרבעט איז אויך אַ סטרייק. עפּעס אַזוי האָט דער שיקזאַל געוואָלט, אַז דער 1926־סטרייק ביי די קלאָוקמאַכער זאָל ניט זיין קיין בן־יחיד. דאַרף פּונקט איצט זיין אַ באַן־סטרייק...

גרענד־סענטראַל. די באַאַמטע און דינער פון דער ריזיגער באַן־סטאַנציע דערזעען אין אַזאַ פרימאָרגן־שעה אַזוי פיל מענטשן. זיי ווייסן, אַז מען סטרייקט אויף די „עלס“ און סאָבווייס. אָבער היינט איז דער „ראַש“ פריער, גרעסער און אַנדערש. די באַן־באַאַמטע שמייכלען מיט אַ געזונטן, סימפּאַטישן שמייכל. „אַז פּיקעט, אַז סטרייק“ — ענטפערן בראַוו און העלדיש אונזערע קלאָוק־סטרייקער.

42טע גאַס.

מאַסן מענטשן ציען זיך. קראָמען פאַרמאַכטע, פאַרשלאָסענע. די קאַר לויפט מיט פולן אימפּעט. דער 5טער עוועניו „טרעפיק“ איז אָפן און ליידיק.

זיבעטע עוועניו.

די קרויז, „דאָס אויבערשטע פון שטויסל". דער קלאָוק־מאַרקעט", דער גאַרמענט־סענטער". ריזיגע געביידעס. די זון האָט אָנגעצונדן די שויבן אויף די הויכע פלאָרס. אין יעדן פענצטער אַ פייערדיקער קנויל.

— אייבי! — האָט אימיצער אַ געשריי געטאָן.

איך גיב אַ קוק — ס'איז בעריל, בעריל פון מיין שאַפּ, מיט וועמען איך האָב פאַרבראַכט צען יאָר פון מיין לעבן. בעריל, וועמען מען רופט „בעריל דער ערשטער" און „בעריל דער גוטער". דער ליבער בעריל איז ווירקלאַך געווען דער ערשטער אומעטום, צו יעדער צייט — העלפן דעם, העלפן יענעם. אַלץ געשטיצט מיט'ן גאַנצן האַרצן, מיט'ן גאַנצן לייב און לעבן.

— נו, — גיט ער אַ מאַך מיט די הענט, ווי איינער זאָגט: זע, ווי גרויס און שטאַרק איז די היינטיגע פּיקעט־דעמאָנסטראַציע!

די פּיקעטס, די סטרייק־קעפּטנס, גיבן צייכנס: „שטעלט זיך ניט אָפּ", „צו צוויי אין אַ ליין".

— מ'אַרעסטירט, — וואָרענען אונזערע קעפּטנס. — זייט פאַרזיכטיג, ברידער, שטעלט זיך ניט אָפּ צו צוויי אין אַ ליין.

די ליין איז גרויס. אין די גאַסן און עוועניוס, פון דער 39טער ביז ווייט אַרונטער צו דער 29טער גאַס, שלענגלען זיך אונזערע דעמאָנסטראַנטן. דער מאַרש איז אַ הערליכער, אַ שטילער און אַ שיינער.

איך הויב אָן צווייפלען: וואָס אַרעסטן, ווען אַרעסטן, אַזעלכע שטילע, רואיקע מענטשן אַרעסטירט מען ניט. עס לויפן אַפילו פאַרביי פּאָלים פּאַטראָל־וועגן, אָבער דאָס איז ניט פאַר אונז!...

אַזאַ רואיקע, אַזאַ דיסציפּלינירטע מאַסע. ניט ריידן, איז ניט. זיך ניט אָפּשטעלן, איז ניט. צו צוויי אין אַ ליין, איז צו צוויי אין אַ ליין. פאַראַן געוויס פאַרברעכער, פאַר וועמען די פּאָלים און די פּאַטראָל־וועגן זענען נויטיג...

מיין מיטגייער, דער צווייטער אין ליין, איז אַ „יתום“, אָן אַ שאַפּ און אָן אַ באָס. מיר גייען. צוויי שוועסטער זענען אונזערע פאַראויסגייענדע.

זיי גייען שווייגנדיקע.

דריי פּאָליסלייט האָבן אונז ברוטאַל אַ שטופּ געטאָן. געוואָלט ברעכן די „ליין“. אָבער נאָך גיכער און בראַווער האָבן מיר פאַרמירט די „ליין“. אַרעסטירט איז אַרעסטירט, אַזוי ווי אין דער אמת'ער מלחמה. מיר גייען אונזער וועג, מיר דעמאָנסטרירן!

שווער צו וויסן, וויפיל אַרעסטירטע זענען דאָ. ווי וועלף האָבן די פּאָליסלייט שטיל אַרויסגעכאַפּט פון ליין רואיקע, פרידלאַכע סטרייקערס. אָבער קיינער האָט זיך ניט אַרומגעקוקט.

— צוויי אין אַ ליין, צוויי אין אַ ליין! — האָבן נייע יונגע קעפּטנס געוואָרענט.

—אַלע קלאָוק-סטרייקער וועט מען ניט אַרעסטירן! — האָט מען אונז געטרייסט.

מיר גייען און די פּאַטראָל-וועגן קלינגען.

אונזערע פאַראויסגייענדע שוועסטער פאָרן שוין אין אַ פּאַטראָל-וואָגן. זיי זענען שוין צווישן די אַרעסטירטע. מיר שיקן זיי נאָך הוראַ-געשרייען. אָבער קיינער פון אונז שרעקט זיך ניט. מיר מאַרשירן ווייטער.

מיר זענען רואיק און פרידלאַך. מיר גייען אויף אַ זיכערן וועג, צו אַ זיכערן זיג!...

די זון האָט שוין אויסגעגאָסן אירע עמערס מיט פייער. אין די גאַסן און אין די האָלס איז היים.

נאָר די סטרייקער, די קלאָוק-סטרייקער זענען קיל. זיי האָבן איין געדאַנק און איין געפיל — זיי מוזן געווינען דעם לעצטן סטרייק!...

צווישן קלאוק-סטרייקער

(טינט-טראפנס)

פיל מאל קומט מיר אוים זיך טרעפן מיט פריינד און ברידער, פון א פארטיי, פון ארבעטער רינג און פון דער יוניאן. זיי לייענען פאר מיר זייערע „זאכן", זייערע שאפונגען, און זיי באקלאגן זיך, אז געגן זיי ווערט באגאנגען אן אומרעכט.

ס'איז איצט א סטרייק, האבן זיי א סך ליידיקע צייט אויף גיין, ריידן, לייענען און טראכטן. איבערהויפט אויף שרייבן... און — מ'שרייבט פאסירונגען, געשעענישן און איבערלעבונגען.

אט קום איך אריין אין בעטהאוון האל. פאר א סך קלאוק מאכער איז איצט דער פלאץ א דערלייזונג, א רעטונג פון פשוט'ן אונטערגאנג. פאר אנדערע ווידער איז דער ארט איצט דער טרוי-עריקסטער, דער פארצווייפלסטער. אט, אט, דאכט זיך, אז עס עקט זיך א וועלט... אז דער הימל ליגט שוין אויף דער ערד. אבער ס'ציט מיך אהינצו ווי מיט מאגנעטן. ס'ווילט זיך זען וואו גליק מיט אומגליק קומען זיך צוזאמען...

קריגט א סטרייקער א „פאסטל קארד" צו קומען אין בעטהאוועו האל, פאר א „דזשאב" אין א געסעטעלטן יוניאן שאפ, קען זיך אימיצער פארשטעלן אין דער פאנטאזיע די פרייד, דעם גליק פון אזא מענטשן? אויב אזעלכער קריגט דעם רוף נאך א שווערן, פאר-צווייפלטן טאג סטרייק-ארבעט, וועלן אים זיסע חלומות אויפ-וועקן פארטאג, און מיט'ן ערשטן גרוי אויף טאג וועט ער שוין זיין אויפ'ן ריכטיקן פלאץ, און א וועלט מיט זונען וועלן זיך שפיגלען אין זיינע אויגן.

עפּעם אַ קלײניקײט, אַזאַ „פּאָסטל קאַרד“ נאָך װאָכן, חדשים אַרבעטסלאָזיגקײט און סטרײקן — אַ דזשאָב איז אַ געסעטעלטן שאָפּ!

אַרום אַזײגער 11—12 איז שױן דער האָל געפּאַקט מיט מענטשן. מ׳זיצט אין קלענערע און גרעסערע גרופּן. און, שטעלט זיך פאָר: זיבעצן װאָכן װי מענטשן זיצן אין האָל און רײדן נאָר װעגן אײן זאַך, װעגן סטרײק. פעלט ניט קײן „ספּליטנעס“... „די פירער האָבן באַדאַרפט אַזױ טאָן, אַזױ טאָן“. װי, און װי אַזױ, איז שװער אַרױסצוקריגן.

— קום! — זאָגט צו מיר אַ ברודער. — אָט איז אַ גרופּע סטרײקער, װאָס זיצן שױן און װאַרטן זינט מ׳האָט גענומען אַרױס־שיקן „פּאָסל קאַרדס“, זינט מ׳האָט גענומען סעטלען מיט „אינדע־פּענדענט“ באָסעס, מיט אינדעפּענדענט שעפּער.

— דאָס איז אַ שרײבער, אַ פּראָלעטאַרישער שרײבער — האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר די סטרײקער אין האָל.

באַלד האָבן זײ פאַרמירט אַ גרופּע און אײנער, אַ יונגער מאַן, אַ קלאָוק־פּרעסער פון לאָקאַל 35, האָט זיך גענומען מיר װײַזן זײַנע ליטעראַרישע שאַפונגען.

און אָט זײַנען אַ פּאָר פערזן, װאָס ער האָט פאַר מיר אָנגע־שריבן:

„דער סעזאָן איז פאַריבער,
איך געפין זיך שױן פרײ...
קלער שױן װידער איבער,
װאו קריגט מען אַ דזשאָב פונדאָסנײ.“

„דער האָל איז פול מיט סטרײקער
און טומלען װי די בינען.
דאָס זײַנען אַלע סטרײקער
װאָס װעלן דעם קאַמף געװינען!“

אַ װאַרימער, ליבלאַכער שמײכל האָט זיך באַװיזן אויף זײַן ליינגליך פּנים, ער האָט מיר געבעטן למען השם דעם נאָמען זײַנעם ניט פאַרגעסן... יאַנקעל זאַסמאַן.

אַנדערש איז געווען מיט אַ צווייטן מחבר, אַ מיטגליד פון לאָ־קאַל 1, אַ קלאָוק־אָפּרייטאָר. ער האָט מיר געבעטן זיין נאָמען ניט פאַרעפענטלאַכן.

אָט איז זיין חבור, זיינס אַ „מייסטערווערק״:

„ד ע ר ס ו ף״.

(והיה באחרית הימים. — ישעיה ב׳).

„ניט גאָט, ניט טייפל.
אַזוי וועט עס זיין אין טאָג פון סוף.
אַלע ביכער וועלן פאַרברענט ווערן.
אַלע צייטונגען וועלן אויפהערן...
דאָס נאַרישע שמועס וועט פאַרשטומט ווערן.
דעם סוף, דעם סוף! —
נאָר דאָס וועט מען וועלן וויסן״.
„ס׳וועט זיך אויסמישן, טרוקן מיט נאַס,
רויט מיט וייס, פעלד מיט וואַלד,
שטאָט מיט דאָרף.
ס׳וועלן אומפאַלן בוימער, הייזער, פאַלאַצן און פעסטונגען.
אַ טומאַן וועט זיך פאַרשפּרייטן איבער׳ן ים און הימל.
ליכט און פינסטער וועלן וואַרפן פייער שטראָמען.
גראַנאַטן וועלן קראַכן און רייסן באַרג און טאָל, הימל און ערד.
קולות פון אַלע באַשעפענישן וועלן קרעכצן און ברומען פון
שרעק און וויימיק.
בלומען פון אַלע קאָלירן און סאָרטן וועלן זיין אויסגעמישט
אין גרויען אַש.
קופּעס צעריסענע גלידער פון אַלע מינים וועלן באַמיסטיקן אַ
נייע פעלד״...

די ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שרעקלאַכן איינדרוק. איך האָב זיי פאַרצייכנט און גיב זיי דאָ איבער. דאָס זענען ווער־טער פון אַ קלאָוק־אָפּרייטאָר, אַ מיטגליד פון לאָקאַל איינס.

אמעריקאַנער גליקן

(פון אַ קלאָוקמאַכער׳ס בריוו אַהיים)

שוין פון אַ לענגערע צייט ווי איך קלייב זיך דיר שרייבן מיינע גאָלדענע גליקן אין אַמעריקע. כאָטש איך ווייס, אַז דיר איז איצט ניט אַמבעסטן, דו דאַרפסט חתונה האָבן און דיר פעלט קליידער, אויסשטייער, נדן און ביזט עלנד, אַ יתומה, אָן אַ מאַמען, מיט אַן אַלטן, קראַנקן טאַטן. מיך, שוועסטערקע, ערגערט אין צווייען: ניט איך קען דיר העלפן און ניט איך קען זיך אַליין העלפן...

איצט באַגרייף איך דיינע אַמאָליקע בריוו, ווען איך האָב דיר אָוועקגעשיקט מיין גאַנצן אָנגעקליבענעם קאַפּיטאַל... די דריי הונדערט דאָלאַר, פון מיין לאַנגיאָריקן אַרבעטן ביי פּרויען־מאַנטלען, „קלאָוקס״ הייסט עס ביי אונז. דו האָסט מיר געשריבן, אַז דו האָסט ניט געקענט קומען אין אַמעריקע מחמת דער שווערקייט פון דער „וויזע״, פון דאַרפן זיך וואַלגערן וואָכן און חדשים, אויף די וואַרשעווער גאַסן...

יאָ, איצט, מיין ליבע שוועסטער, פיל איך וואָס עס מיינט זיך וואַלגערן אויף דער גאַס... מיר זענען איצט אין סטרייק.

ביי אונז אין אַמעריקע איז אַפילו אַלץ געבליבן דאָס זעלבע, קיין זאַך האָט זיך ניט געביטן. די זעלבע רעגירונג, די זעלבע אָרדנונג. עס איז געבליבן די אַלטע סיסטעם: קאַפּיטאַל, אַרבעט, „סיזאָן״ און „סלעק״.

וואס „סלעק" איז, מיין שוועסטער, קען איך דיר גארניט פאר־טייטשן. דאס איז אן אלטע אמעריקאנער פלאג, פון יארן, נאך איידער די לעצטע שרעקלאכע מלחמה האט צעשטערט א וועלט. — סלעק! דאס איז דער אומגליק פון אונזער לעבן, כאטש דאס קומט אלע יאר, ווי די „גריפ", ווי „אינפלוענציע", אמאל דויערט עס לענגער, אמאל קירצער; אמאל נעמט עס צו מער קרבנות, אמאל ווייניקער... מען איז שוין צו דעם געוואוינט. שפארט מען, קארגט מען דעם ביסן פון מויל — אפילו אין „סיזאן"... „סלעק" — ביי אייך וואלט מען עס גערופן ארבעטסלאזיקייט, קריזיס.

נו, מיט'ן סלעק איז מען שוין געוואוינט, ווי מיט א געשוויר. פאלן איין די באקן, דארט אוים דער מארך פון די ביינער, אבער מען לעבט, כל זמן גאט שיינקט דאס שטיקל געזונט. גייט מען אין צעריסענע שיך, שטעלט דער לענדלארד ארויס מיט די בעבעכעס אין גאס, ליידט מען, ווייטיקט מען, — מיט בלוטיקער שאנדע. „לענדלארד"! — דאס איז די שרעק פון דעם ארימאן, פון דעם אמעריקאנעם ארבעטער.

א, ווען דו וואלסט פארשטיין די ווערטער „סיזאן, סלעק, ביזי, דזשאב, לענדלארד, מופן, רענט" און נאך.

היינט, וואו איז „סטרייק, פיקעטן, סקעבס, בענעפיט, רעליף, פארמאן, באס, יוניאן, סטרייק קארד, ווארקינג קארד, געסעטלט, נאך ניט געסעטלט, יתום, — אפילו דאס אלטע אידיש ווארט „יתום" האט דא ביי אונז אין קלאוק סטרייק א גאנץ אנדער באדייטונג. א יתום איז ניט דער וועמען עס פעלט א טאטע־מאמע, נאר וועמען עס פעלט א „באס", א שאפ, מיט וועלכן צו סטרייקן.

שוועסטערקע, מען מוז האבן א ווערטער־בוך, כ'זאל זיך ניט דארפן אפשטעלן דיר צו דערקלערן יעדן ווארט, וואס עס מיינט... און ווער וועט עס ביי אייך אין שטעטלע פארשטיין אונזערע אמע־ריקאנער גליקן, ווען איך זאל עס אפילו פארטייטשן?

אט איז פאראן אין „האל", אין זאל, הייסט עס, וואו איך

סטרייק, אַ מענטש, וואָס היט די טיר, וואָס „פּאַנטשט" די „סטרייק קאַרד", וואָס האַלט די „ליין", די רייע... מען רופט אים „האָל טשערמאַן". נעכטן האָב איך געוואָלט זען דעם „האָל טשערמאַן", געוואָלט אים עפּעס דערציילן, אויסגיסן מיין ביטערע האַרץ. 24
וואָכן ניט פאַרדינט קיין האַלבן צעבראָכענעם סענט! פריער איז געווען „סלעק" און איצטער אַ „סטרייק". האָט מען מיר געגעבן אַ נומער, איך זאָל קאָנען צוקומען זען דעם „האָל טשערמאַן". שטיי איך מיט'ן נומער און וואַרט, ווער ווייס ווי לאַנג איך וועל אַזוי דאַרפן שטיין... דערצו פיל איך ניט אַמבעסטן, בין עפּעס ניט מיט אַלעמען. די שטענדיקע מורא פאַר'ן היינט, מאָרגן, פאַר'ן „סיזאָן", פאַר'ן „סלעק", איז אויף מיר אַנגעפאַלן אַ טויט שרעק... מיר דוכט, אַז אַט־אַט ענדיקט זיך מיין לעבן, אָבער איך שטיי נאָך אַלץ מיט'ן נומער אין האַנט און צום „האָל טשערמאַן" לאָזט מען ניט צו.

האָב איך, שוועסטערקע מיינע, שוין אויפגעגעבן די האָפנונג צו זען דעם „האָל טשערמאַן" פון די „יתומים", פונקט ווי דו האָסט אויפגעגעבן די האָפנונג צו קריגן די „וויזע", צו קומען אין אַמעריקע.

בין איך אויף מאָרגן געקומען „פּאַנטשן מיין סטרייק קאַרד", מאַכן אַ לעבעלע, אַ צייכן, אַז דעם טאָג בין איך געווען אין האָל, אַז איך האָב ניט „געסקעבט"... אַ צייכן, אַז איך האָב געטאָן מיין „סטרייק דיוטי", מיין סטרייק אַרבעט, הייסט עס. שטיי איך אין „ליין" און וואַרט. פּלוצלינג באַווייזט זיך אַ הויכער איד, ווי אין די אַלטע, אַלטע ציטן, ווען מען פלעגט כאַפּן מענטשן און אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן... נעמט ער ביי מיר צו די „סטרייק קאַרד" און גיט מיר עפּעס אַן אַנדער ווייסן געשטעמפּעלטן פּאַפּיר און שיקט מיך אין אַ צווייטן „האָל", פון דאָרטן זאָל איך גיין „פּיקעטן" די „דזשאָבערס", דאָס מיינט דעם טייוועלס שוויגער... דעם איצטיקן אמת'ן קלאָוק באַלעבאָס, אונזער ברויט געבער...

שוועסטער! איך וויל דיר קיין סך נישט שרייבן, איך וויל ניט צערייסן דיין האַרץ. אַפילו מיר זאָלן „אויסטרייקן", געווינען אַלע פאָדערונגען, וועלן מיר אונטער די הויכע קאָסטן פון לעבנס

מיטל אַלץ קיין לעבן ניט מאַכן. אָבער סטרייקן מוז מען. ווייטער אַזוי עס לאָזן האָט מען ניט געקאָנט. עס איז שוין געווען ניט אויס־צוהאַלטן!

עס פאַרדריסט מיר, שוועסטערקע, וואָס איך האָב צעשטערט דיינע האָפנונגען פון אַמעריקע. דו, דער טאַטע, האָבן זיך געריכט קריגן אַ פּאָר דאָלאַר אויף יום טוב.

אָבער, שוועסטערקע, עס איז שוין 2 וואָכן צו יום טוב. איך ווייס ניט וואו איך וועל נעמען אַ פּאָר סענט פאַר זיך אַליין.

און אפשר וועט זיך די צייט, די אַלטע אומגליקלאַכע צייט, איבערדרייען, פאַרבעסערן. אַלץ איז מעגליך אין דער גאָלדענער אַמעריקע.

פון מיר, דיין ברודער,

גימפּל דער קלאָוקמאַכער.

פון אַ היימישן בריוו צו אַ קלאָוקמאַכער

ביי אונז אין שטעטעלע, אויפ'ן מאַרק, אַנטקעגן קלויסטער־בייטאָג, אין מעריב צייט אין שול האָט געקאַכט מיט אייער קלאָוק־מאַכער סטרייק אין ניו יאָרק. צייטונגען, בריוו און צייטונגס־אויסשניטן האָבן פאַרנומען אונזערע הענט, אויגן און אונזער האַרץ.

גאָט מיינער! פלוצלינג! מיין יוגנט פריינט, מיין יוגנט חבר, פון וועמען איך האָב שוין 20 יאָר ניט געהערט, וועמען כ'האָב 20 יאָר ניט געזען, האָט אונז געשריבן וועגן דעם סטרייק אין ניו יאָרק.

אַ יונג בחור'ל געווען, מיט אַ קיילעכדיקן פּנים און מיט נאַר־וואָס שפּראָצנדע וואָנצעלאַך. אַזאַ האַרציקער, אַזאַ געטרייער און אַזאַ ליבלאַכער געווען. אין פייער און וואַסער געגאַנגען. — פאַר אַ ביבליאָטעק, פאַר אַ אידישן אַרבעטער „בונד", געלערנט אי זיך אי דעם צווייטן.

אָט הער איך נאָך אין וואַלד דיין שטים, דיין קול קלינגט נאָך ווי דו וואָלסט איצט גערעדט, וואָלסט איצט געזונגען. ניט די סטראַזשניקעס, ניט די דאַמאָלסדיקע זשאַנדאַרן און קאַזאַקן האָבן דאָס קול געקענט פאַרטרייבן.

דער זעלבער גימפּל, די זעלבע צוציענדע, ברענענדע אַגיטאַ־טאָרישע רייד, דער זעלבער קעמפער, אַלץ דאָס רופט, אַלץ דאָס וועקט: „שטייט אויף!"

ביזט אין אַמעריקע. כ'האָב געדענקט, אַז דו ביזט שוין געוואָרן אַ „בורזשוי", אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַ קאַפּיטאַליסט. אָבער ווי קומ־סטו צו אַזוינס?

— זעסט, — זאָגט צו מיר דיין אַלטער פאָטער, — אין אַמעריקע איז אויך ניט אַלעמען גוט. דו קענסט דאָך מיין גימפּלען, ס'אַרא גאָלדענע נשמה דאָס איז, קען נעבעך דעם אַלטן טאַטן אפילו אויף יום טוב קיין סענט ניט שיקן.

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ טיפן זיפץ, מיט אַ ווייטיקדיקן קרעכץ. און איך האָב באַשלאָסן דיר שרייבן אַ בריוו.

איך בין נאָר וואָס געקומען פון אַן אַנדער שטאָט. צוליב אַ סטרייק האָב איך פאַרלאָרן מיין אַרבעט, און נאָך געזעסן זעקס חדשים אין טורמע.

פון דיר האָט מיר שוין דיין טאַטע דערציילט, דיינע „אַמערי־קאַנער גליקן".

לויט נאָך דיינע בריוו צום טאַטן און צו דיין שוועסטער, אָרגאַ־ניזירט זיך דאָרט ערשט איצט „אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער קלאַס"... וואונדערט עס מיך. וואו איז אייער קאַמף ביז איצט? האָט מען דאָך ביי אייך אין אַמעריקע אָנגעפירט אַרבעטער קאַמפן שוין פון אַזוי פיל יאָרן.

ווייסט דאָך, ביי אונז אין פוילן איז שלעכט. אין ליטע איז סתם ניט גוט, און פון רוסלאַנד הערן מיר, אַז אויך דאָרטן איז ניט אַלץ גאָר פויגלדיק...

ביי אונז אין שטעטעלע איז דער לעבן ניט אַזוי טרוקן ווי אין אַ גרויסער שטאָט, אָדער ווי ביי אייך אין ניו יאָרק. שטיין, אייזן און שטאָל, די גאַסן, די הייזער. ביי אונז, אַז מ'שטייט אויף אין דער פרי, זינגען פויגעלאַך אַרום די פענצטער, זיי שפּרינגען פון איין בוים אויפ'ן צווייטן. די זון איז אַ וואַרימע, שטענדיק באַגלייט מיט אַ קיל ווינטעלע. די לופט איז תמיד ריין און פריש. דער טייכל שלענגלט זיך שטיל. ביינאַכט צוגיסט זיך דער טייכל אַנטקעגן דער לבנה און באַציט זיך מיט אַ זילבער גלאַנץ.

קיין זאַך קען איך דיר ניט שיקן אין אַמעריקע, העלפן דיר אין דיין איצטיקער נויט, אין דעם איצטיקן סטרייק. וואָלט דאָס געווען נענטער, וואָלט איך ביינאַכט אַריין אין גלח'ס גאָרטן, אָנגעריסן

ווייסע און רויטע בלומען און זיי דיר אַוועקגעשיקט. דער ריח וואָלט זיכער דערקוויקט דיין האַרץ.

ניט נאָר איך, נאָר אַפילו דיין אַמאָליקע געליבטע, יענטל דעם רב'ס, וואָס האָט שוין אַ טאָכטער פון אַכצן יאָר, וואָלט דאָס אויך געטאָן. זי זאָגט, דו פלעגסט זייער ליב האָבן בלומען. איר יונגע, שיינע טאָכטער, פריידל, וואָלט מיט מיר מיטגעגאַנגען אין גלח'ס גאָרטן נאָך בלומען. נאָר גיי שיק בלומען איבער ווייטע ים'ען. ס'וועט וועלקן, ס'וועט צוטריקנט ווערן...

שרייב, שרייב, טייערער יוגנט פריינט, יוגנט חבר. מיר פאַרשטייען דיינע ווערטער. רעדסט אַ בעסערן און אַ שענערן אידיש ווי מיר דאָ... דורך די מלחמה יאָרן האָט זיך דאָ אונזער אידיש פאַרדייטשט, פאַררוסישט און פאַרפוילישט. אַפילו די פּאָר אַמעריקאַנער ווערטער, וואָס דו רעדסט, פאַרשטייען מיר אויך. דאָ איז פאַראַן זאַוול דער שניידער, וואָס האָט זיך נאָך פאַר דער מלחמה אומגעקערט אין שטעטל און ביינקט נאָך ביז היינטיקן טאָג וואָס די מלחמה און די נייע אַמעריקאַנער „קוואָטע" מאַכן אים שווער און אונמעגלאָך נאָך אַמאָל אין אַמעריקע צו קומען. ער איז אין אַמעריקע געוועזן אַ קלאָוקס-אָפּרייטאָר. ער האָט, זאָגט ער, מיט דיר אין איין שאָפּ געאַרבעט. אָבער איצט, ווען ער האָט געהערט פון אייער סטרייק, דאַנקט ער גאָט, וואָס ער איז געבליבן זיצן אין דער היים...

— אַי,—זאָגט ער—מוז דאָרט איצט זיין שלעכט ביי קלאָוקס!

אין נאָמען פון אונזער יוגנט-חבר'שאַפט בעט איך דיר, שרייב מיר אַ פּאָר ווערטער. מיין לעבן איז דאָ אויך גאָרניט מקנא צו זיין.

היינט, טייערער יוגנט-חבר, איז ביי אונז נאָר אַן אַנדער צייט... נאָר כ'וועל ניט שרייבן, כ'וועל וואַרטן אויף אַן ענטפער פון דיר, מיט דער האָפנונג, אַז דעם סטרייק ביזטו שוין בשלום אַריבערגעקומען, ווען ביסטו ווייטער פאַרדינען און שיקן דיין אָרימען טאַטן, וועלכער זיצט גאַנצע טעג אין שול און בעט גאָט פאַר דיר...

דיין יוגנט-חבר,

נ.ח.

פון אַ קלאָוקמאַכער'ס בריוו אַהיים

עס האָט זיך ניט אויסגעלאָזט ווי דו און איך האָבן געוואונטשן. דער סטרייק, דער קלאָוקמאַכער סטרייק אין ניו יאָרק, איז בשלום ניט איבערגעגאַנגען.

ביים סאַמע סוף פון סטרייק, אויף דער 24טע וואָך, איז אַ קריג אויסגעבראָכן, אַ גאַנצע מלחמה, ניט צווישן קאַפּיטאַל און ארבעט, ניט מיט אונזערע באַלעבאַטים, מיט אונזערע עקספּלואַטאַטאָרס, נאָר צווישן ברודער און ברודער, צווישן אַרבעטער און אַרבעטער, צווישן יוניאָן מאַן און יוניאָן מאַן.

אָבער דיין בריוו, וואָס איז צו מיר געקומען אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומדערוואַרטעט, האָט אויף מיר אַ שפּרודל געטאָן, ווי אַ ים מיט ליכטיקע זונען. אַ בריוו פון אַ יוגנט־פריינט, פון אַ יוגנט־חבר. וויפיל טעג, וויפיל נעכט האָב איך אין די 20 יאָר וועגן דיר גע־טראַכט. אַזעלכע שרעקלאַכע צייטן איבערגעלעבט, פּאָגראָמען, מלחמה, הונגער און נויט — וואָס איז שוין ניט פאַרגעקומען פאַר די 20 יאָר!

און מיטאַמאָל אַ בריוו מיט אַזאַ האַרציקע, ליבלאַכע באַשריי־בונג פון אונזער שטעטל; אַזאַ גאָלדענעם גרוס פון מיין אַלטן, קראַנקן טאַטן. אַפילו זיין זיפץ, זיין קרעכץ האָב איך דאָך פון דיין בריוו דערהערט. איך האָב דערפילט דעם היימישן סאַסנע־וואַלד, ווי איך וואָלט דאָרט איצט געזעסן און פאַרגעלייענט פון אַ אומלע־

גאלע בראשורע, ווי איך וואלט איצט געזונגען א רעוואלוציאנערע ליד „אטרעטשאמסיא“... ! און ווייט צווישן פעלד און וואלד צוטראגט זיך אונזער קול...

דו האסט מיך פשוט דערפרייט, דערווארימט, ארייננגעזעצט א נייע נשמה. די 20 פארגאנגענע יאר האבן זיך אויסגעשטעלט ווי לעבעדיקע. יעדע פאסירונג, יעדע געשעעניש איז פאר מיינע אויגן געקומען. אין דער ווארימקייט פון פרייד האט דאס עפעס א צופ געטאן טיף, טיף אין הארצן. אט די 20 יאר זענען שוין אויף אייביק פארפלויגן. קיין מאל, קיין מאל וועלן זיי זיך פאר אונז ניט אומקערן. ווי דער פויער פלעגט אמאל זאגן: „דאס וואס פאלט פון וואגן ארוים איז שוין לאנג פארפאלן“...

פונדעסטוועגן, אז נאך אזעלכע 20 יאר — מלחמה, רעוואלוציע, בלוט פארגיסונג, אז מען קאן נאך איינע פון די אנדערע הערן, זיך דורכשרייבן, איז ניטא וואס צו זינדיקן, צו באקלאגן זיך. זענען מיר נאך העלדן, קען מען נאך האפן, שטארק האפן און גלויבן אויף בעסערע און גליקלאכערע צייטן.

איך קען דאך זיך, אבער ווען דו האסט באשריבן מיין קיילאכדיקן פנים, האב איך גלייך א לויף געטאן צום שפיגל. און דא איז מיר באפאלן אן אומעט. פון דעם פנים, וועלכן דו באשרייבסט אזוי שיין, איז קיין זכר ניט געבליבן ! 20 יאר אמעריקע, 20 יאר קלאוקשאפ, „סיזאן“ און „סלעק“ האבן די באקן פארשפיצט מיט צוויי ביינער !... און די האלב אויסגעלאשענע אויגן — אפילו מיין מאמע וואלט מיך ניט דערקענט. זי וואלט ניט דערקענט איר קינד, איר גימפלען.

מער ניט, אין הארצן ברענט אויף א מאל א העלישער פייער, דארטן לייכט ערגעץ עפעס אויף... די אויגן זענען שוין לאנג אויסגעלאשן. ס'איז נסים, וואונדער, אז מען לעבט. טאמער איז ווייניק דער סטרייק, וואס האט פארצערט, אויפגעגעסן די הויט פון די שפיציקע ביינער, איז געקומען דער נאך־ווייי — דער קריג אין אונזער יוניאן. עס האט זיך צעפלאקערט א קאמף, וואס איין גאט ווייס

מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן. עס האַלט דערביי, אַז די גאַנצע אַרבעט פון איבער 20 יאָר בויאונג זאָל אַוועק מיט'ן רויך.

אַמאָל, ווען עס איז קיין יוניאָן ניט געווען, האָט מען די מאַשין אויף די פּלייצעס פון איין שאַפּ אין צווייטן געטראָגן. דער אַרבעטס־טאָג האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעהויבן און קיינמאָל ניט געענדיקט. אַז עס איז נאָר געווען דער סיזאָן, איז וויפיל עס איז נאָר דאָ שטונדן אין מעת לעת, האָט מען אַלץ געאַרבעט. היינט די פּרויעז, די „שוועסטער", וואָס האָבן מיט אונז געאַרבעט אין איין שאַפּ, זענען מיאוס באַהאַנדלט געוואָרן פון באָס, פון פאָרמאַן און אויך אַפילו פון דעם אומוויסענדן „ברודער־אַרבעטער". עס שרעקט מיר די רגע, ווען איך דערמאָן זיך די צייטן פון ניט־יוניאָן...

מען גייט נאָך אַרום, מען לעבט, אָבער אַז אָך און ווער צו אַזאַ לעבן! שענערע לייגט מען אין דער ערד... די פרוי, די קינדערלאָך גייען אַרום באַרוועס, נאַקעט אין שניי און אין רעגן. און ניט נאָר איך, ניט נאָר ביי מיר איז איצט אַזאַ אומגליק, נאָר אין טויזענטער קלאָוק־מאַכער הייזער.

פון מיר, מיין טייערער יוגנט־חבר, וויל איך דיר גאָרניט שרייבן. אַנטקעגן אַנדערע איז מיר נאָך גוט... אָט וואָס טוט זיך עס מיט מיין „שאַפּ טשערמאַן".

— מאַקס — זאָג איך צו אים, — וואָס גייסטו עפּעס אין אַזאַ שיינעם, זוניקן טרוקענעם טאָג אין קאַלאָשן? — דרייט ער זיך אויף זיין ברייט־ביייניקער קערפּער און זאָגט: די שיך זענען אינגאַנצן צעריסן. אָבער מיט מיר איז נאָך ניט אַזוי שלעכט — זאָגט ער ווייטער — נאָר די קינדערלאָך! זיי האָבן ניט אין וואָס צו גיין אין סקול. פון אַן אַלטן בגד מיינעם האָב איך — זאָגט ער — זיי טופּליטשקעס געמאַכט. נו, זענען זיי דאָך קינדער, קריכן זיי נאָר אין שניי און אין וואַסער. האָט זיך מיין דריי־יאָריקער אינגעלע צוגעקילט און איז קראַנק געוואָרן.

און אַט רעדט מאַקס פאַר מיר אוים זיין האַרץ: מיין פרוי איז אַ גוטע, אַ ליבע. זי זאָגט מיר גאַרנישט, וואָס ניין חדשים האָב איך ניט געבראַכט קיין „פּעידע", קיין שכירות, הייסט עס — אָבער איך פּיל זיך ווי אַן איבעריקער... ווי לאַנג, ווי לאַנג קען עס אַזוי אָנהאַלטן? ווי לאַנג קען מען דאָס אויסהאַלטן? אין גאַס זעט מען אַזעלכע גרויסע, שיינע פענצטער. אין יעדן פענצטער אַן אַנדער קראָם. קליידער, שיך, מעבל, פּוטער, עסנוואַרג, קינדערשע צאַצקעס, קינדערשע שפּיל־געצייג. גאַנצע גן־עדנס, וועלטן גאַנצע! און אַלץ לעבט, לאַכט. און דאָ פּיל איך זיך ניט נאָר ווי אַן איבעריקער, נאָר ווי אַ באַגראָבענער. זע — ווייזט ער מיר אַ פענצטער מיט בלומען, — גאַנצע גאָרטנס מיט בלומען פון וואַרימע און קאַלטע לענדער. און קראָמען פון ביכער, בילדער און מוזיק.

און שרעקלאַכע גרימאַסן באַווייזן זיך אויף זיין פּנים—אַ גרויסער איד וויינט! געצאָלט און געצאָלט פאַר אַ פּיאַנאָ, האָט מען דאָס איצט ביי אים צוגענומען. קינדער אויפ'ן גאַס הונגעריקע, ווער ווייס וואָס פון זיי וועט ווערן?

די באַגעגעניש מיט מיין שאָפּ־טשערמאַן צערייסט נאָך מער מיין אייגענע האַרץ... די האַרץ רייסט זיך, רייסט זיך...

אָט שרייב איך פון זיך, פון יענעם, רעד זיך אביסל אוים דאָס האַרץ, ווערט אַביסל גרינגער...

אָבער איך בעט דיר, דערצייל דאָס ניט מיין טאַטן, מיין ברודער און מיין שוועסטער. איך וויל זיי ניט פאַרשאַפן קיין אומזיסטן ווייטיק. אויב איך קען זיי ניט העלפן — דעם אַלטן, קראַנקן טאַטן, די שוועסטער אַן אומגליקליכע, טאָ זאָלן זיי כאָטש האָבן האָפנונגען.

איך וואָלט דיר נאָך געשריבן, נאָר איך זשאַלעווע דיין האַרץ. אַזוי גיך ווי די צייט וועט זיך פאַרבעסערן, פאַרגרינגערן, וועל איך דיר שרייבן פריילאַכע בריוולאַך.

דיין יוגנט־חבר,

גימפּל דער קלאָוקמאַכער.

מזל טוב, שוועסטער

נאָך אַ לאַנגן שווייגן וועל איך איצט ווידער שרייבן אַ בריוו. וועל דיר ווינשן: מיט מזל און אַ גוטע שעה. וועל דיר ווייזן אַ צייכן אַז דיין עלטסטער ברודער לעבט, אָבער, אפשר טאַקע ניט מער.

ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט. ווען דו ביזט מיט דיין חתן אונטער דער חופּה געשטאַנען. כּלי זמרים האָבן זיסע, האַרציקע, פריילאַכע און אומעטיקע נגונים געשפּילט, האָב איך דאָ אין ווייטן לאַנד קיין טאָרט ניט געגעסן, קיין בראַנפן ניט געטרונקען.

גראָד יענעם אָוונט בין איך געקומען פון שאַפ אַ מידער, אַ צעבראָכענער. מיין פרוי איז אַ בייזע אין אַ ווינקל געזעסן, אַן אויפגערעגטע פון די קינדערלאַך וואָס ווילן ניט פאָלגן.

דער שניי, דער אייז האָט געהאַלטן ביים אָוועקגיין. די זון פון אויבן האָט געוואָרימט. זיינען זיי אין וואַסער מיט לעבערדיקע, צעריסענע שיכלאַך געשטאַנען און זיינען אין אָוונט הוסטענדע אין הויז אַריינגעפאַלן.

ס'איז איצט אַפילו ביי מיר דער סיזאָן, אָבער קיין פיידע האָב איך נאָך ניט געקראָגן פאַר די לעצטע 10 חדשים. 10 חדשים קיין פעני ניט פאַרדינט. און מ'דאַרף דאָ, שוועסטערקע, אַזוי פיל האָבן. כ'וועל דיר אָבער וועגן דעם ניט שרייבן.

אַ יום־טוב איז ביי מיר פאָרט געווען. ביי מיין איינציקע שוועסטער איז היינט חתונה, איז פריילאַך אויפ'ן האַרצן, אויף דער נשמה. יוגנט האָט אויסגעחלומ'ט איר חלום, און שטייט אונטער די פיר פלעקלאַך, ווי מיין באָבע פלעגט זאָגן.

שוועסטערקע, דער געפיל איז דער זעלבער ביי גליקלעכע און אומגליקלעכע. אין אַמאָליגע צייטן און היינטיקע. וואָס פאַר אַ נייסן אויף דער וועלט זאָל ניט קומען דער אינערלעכער מענטשלעכער געפיל איז דער זעלבער. אַ מענטשלעכע האַרץ בלייבט אַ מענטש־

לאַכע האַרץ. אַ שוועסטער בלייבט אַ שוועסטער. צי מ׳רעדט מיט מער ווערטער, צי מיט ווינציקער ווערטער. צי מ׳רעדט פּרימיטיוו צי מיט פאַרגרייזעלטע פראַזן, מיט קינסטלאַכע אויסדרוקן. אַלץ וואָס ס׳קומט פון דער טיפעניש פון דער נשמה האָט דעם זעלביקן אָפּקלאַנג, ווייל דאָס בלוט אין די אָדערן פליסט דאָך ביי אַלעמען גלייך. ביי דעם וואָס וואוינט אין פּאַלאַצן און לעבט אין די גרעס־טע לוקסוס, און ביי דעם וואָס לייגט אַוועק אַ לעבן אין אַ ניו יאָר־קער קלאָוק־שאַפּ, ווי איך, און דאַנקט נאָך גאָט, אַז דאָס באַנדל קלאָוקס איז דאָ.

אַט האָב איך אָפּגעלעבט 10 חדשים אַן קלאָוקס, אַן אַרבעט. שוועסטערקע, איך בין שיעור פון זינען ניט אַרונטער. כ׳האָב מורא געהאַט די פּען אין האַנט צו נעמען. כ׳האָב איין מאָל עפּעס אויף אַ מינוט אַ נעם געטאָן די פּען, האָב איך אַ שרעקלאַכע נאַרישקייט אָנגעשריבן. און, ווייסט דאָך ווי מ׳פלעגט אַמאָל ביי אונז, כ׳מיין ביי אייך זאָגן: „פּיסאַנאַ פּעראָם ניע ווירוביש טאָפּאָראָם“.

נו שוועסטערקע, האָב איך דיר טאַקע ניט געוואָלט שרייבן, ווייל וויפיל דו האָסט געליטן, איבערקלערנדיק וועגן מיר און מיין שווייגן אין אַזאַ שלעכטער צייט, וואָלסטו פיל מער געליטן פון מיין פּען וואָס האָט געשניטן ווער עס איז איר נאָר צום גע־דאַנק געקומען.

שטעל דיר פאָר, אַז מיר איז שוין ווי עס איז אויסגעקומען צו אָפּאַרבעטן אַ גאַנצע, קיילעכדיקע וואָך נאָך דעם 25 וואָכיקן סטרייק, און ס׳איז געקומען דער טאָג ווען איך האָב געדאַרפט קריגן די פּאָר סענט, האָב איך שוין נאָך די שכירות אין שאַפּ ניט געקענט גיין. דער וועטער כאַטש שוין האַלב זומערדיק, דאָך דאָס אייז, די נעץ אונטער די פיס האָט מיר פאַרקעלטערט. און מיין אינגל איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן לעבן מיר און געריסן פון מיר שטי־קער — שיך גיב איום! יעדער וואָרט פון אים און פון דער מאַמען זיינער, האָט מיר געריסן ביים האַרצן. שיך! ניט קיין ברויט, ניט קיין פּוטער, ניט קיין קענדי. שיך, שיך גיב. טרערן האָבן מיך אינעווייניק געשטיקט.

טאַ ווי האָב איך אין אַזאַ צייט עפּעס געקענט שרייבן. אויפ'ן האַרצן האָט זיך אָנגעקליבן ביטערקייט ניט נאָר פון מיין אייגן לעבן, נאָר אויך פון דעם לעבן פון מיינע שכנים, פון מיינע יוניאָן־ברידער.

די צייט האָט דאָ אַזויפיל צעטומעלט, צעדרייט, אַז איך ווייס נאָך ביז איצט ניט ווער עס איז אין דעם שולדיק, אַז מאַנכעס מאָל דוכט זיך מיר, אַז אין דער גאַנצער לאַגע בין איך אפשר גאָר אַליין שולדיק . . .

יאָ, אַליין. קיין שונא, זאָגט מען, קען אַ מענטשן אַזוי פיל ניט שלעכטס טאָן, ווי אַ מענטש זיך אַליין. און אוי ווי ס'איז ריכטיק, ווי אָנגעמאָסטן ס'איז פאַר מיר... אָט האָט זיך מיר פּלוצלונג פאַרוואָלט דורכלעבן אַן עקסייטמענט, אַ קינדער־שפּיל, אַ רעוואָ־לוציע. גיי פאַר אַ רעוואָלוציע, אַז דו האָסט ניט קיין שכל ווי אַנ־צוגרייטן פריער געווער און פּראָוויאַנט. נו, האָט מען זיך געלאָזן פירן פון קינדערשן פּוסטן אימפּעט. נו, האָבן זיך די קינדער אויס־גערוט נאָך אַ פּאָר נעכט און דער טייוול וועט זיי ניט נעמען. אָבער אונז עלטערע, דערוואַקסענע מענטשן אַז מ'האָט טאַקע אויסגע־דרייט די הענט מיט די פּיס לויפנדיק, ליגן מיר איצט ווי גע־בונדענע און קענען זיך ניט רירן...

אָבער אין דער אמת'ן שולדיק זיינען מיר. מיר אַליין וואָס האָבן זיך געלאָזן נאָכן פּוסטן ווינט.

אַזוי צו אַזוי, שוועסטערקע, דערווייל איז נאָך ביטער.

אָבער דיין איינלאַדונגס קאַרט מיט די גאָלדענע ברעגן, די פריידיקע רוף דיינע — קום מיין ברודער, שפּעטיק זיך ניט . . .

כאָטש דער וועג איז אַ ווייטער, דורך ים'ען און לענדער, בין איך דאָך צו דער ריכטיקער מינוט געקומען. דו האָסט ניט געזען מיין אויסגעמאַטערטן גוף, אָבער מיין האַרץ, מיין געפיל, מיין נשמה, האָבן געהערט אַפילו דעם קלאַנג פון דאָס צעבראָכן גלעזל אונטער דעם שמש פּיס און געזען דעם גאָלדענעם קדושין רינגל אויף דיין כלה־פינגער, און כ'ווינש דיר מזל טוב.

צעשיידונג

די שיף „אַלעקסאַנדער האַמילטאָן“ האָט זיך פון וויטן געשניטן דורך דעם גלאַנציק־באַזילבערטן האַדסאָן טייך.

צוויי שוימיקע גרודיגע בייטן האָבן די שיף דעם גאַנצן וואַסערוועג באַגלייט.

אָט איז זי. זי דערנענטערט זיך, זי קומט, זי איז דאָ. דאָ איז אַ דריטע סטאַנציע, וואו זי שטעלט זיך אָפּ. רוקט אַרויס אַ בריקעלע, פאַרוואַרפט אַ נעץ אויף איינשלינגען אַ טייל פון די פאַרמאַטערטע פון אָנגעשטריינגטן, פאַרהאַוועטן שטאָט־לעבן. זי וועט אין זיך איצט איינזאַפּן פון סקול באַפרייטע קינדערלאַד...

דער פרימאָרגן איז אַ זוניקער און ליבלאַכער. די וואַסערן פון אונטן קילן די תמוז׳דיקע זונען־שטראַלן. די געדערים פון שיף אַרבעטן ריטמיש נאָכ׳ן זייגער, נאָכ׳ן קאָמפּאַס. די שטאָלענע שטאַנגען הייבן זיך און לאָזן זיך אַרונטער. יעדער שטאַנג האָט זיך זיין פאַראויס באַשטימטן טאַקט, דערהייבט זיך אַלע מינוט, יעדע האַלבע מינוט, יעדע רגע. און אַזוי באַוועגט זיך דער מעכאַניזם פון שיף, פרעסט שוואַרצע בראַטענס, פאַרזופּט מיט וואַסער, טונקט זיך אין ברוינעם בוימל. מענטשן האַלב נאַקעטע, פאַרשוויצטע, דערהיצטע, שטייען און שטאָפּן אים כסדר אין זיין ברייט־צעעפנטן רויטן מויל די שוואַרצע בראַטנס אַריין. עס זאָל גיין, עס זאָל זיך אויף אַ רגע ניט אָפּשטעלן.

פאַרשלינגט דער אויוון־מויל די שוואַרץ־גלאַנציקע דימענטן.

טוט די שיף איר ארבעט פלייסיק, שטויסט די וואסער, ארבעט אוים שוימיקע באגלייטער... ווארפט די כוואליעס פון רעכטס און פון לינקס.

דער נייַן יאריגער וועלוועלע ווייס ניט פון די אלע זאכן. פאר אים איז דאס א שיף, וואס שווימט אויפן וואסער. באדינט די מאטראזן מיט ווייסע ברייטע הויזן. און אפשר — טראכט וועלוועלע — ווען מ'לאזט די שיף אליין שווימען, גייט זי צוריק וואו זיין הערצעלע ציט אזוי שטארק...

זינט מ'האט וועלוועלען איינגעשריבן פארן קעמפ, האבן טאטע־מאמע פאר אים אלץ געגרייט, איינגעקויפט. א גרויסן ברוינעם קאסטן איינגעפאקט: סוטעלאך, העמדעלאך, שיכעלאך, זעקעלאך, נאכט קליידער, באדע־קליידער, קליידער פאר א טרוקענעם, זוניקן וועטער און פאר א קאלטן רעגן־וועטער. זאכן צו וועלכע וועלוועל איז ניט צוגעוואוינט, וועלכע ער האט קיינמאל ניט געזען... אויף יעדע באזונדערע זאך זיין נאמען צוגענייט. דאס האט געטאן דער טאטע. אים איז דאס אלס אפרייטאר געווען גרינגער. אזוי פלעגט ער אין שאפ, דעם יוניאן לייבעל אננייען אויף די קלאוקס... נאר מאמע און טאטע האבן זיך ניט איינגעפאקט אין גרויסן, ברוינעם „קעמפ“ קאסטן. זיי זענען געבליבן אויף יענער זייט בריקעלע פאר־קלעמטע, אומעדיקע, געשטאנענע און געטראכט: — וואס טויג וועל־וועלען אט די אלע זאכן, אז דער מאמעס הארץ, דער מאמעס ליבע האבן אין קאסטן ניט געקענט אריינגיין... אז דער מאמעס הענט וועלן ניט קענען גלעטן, לאסטשען, קושן און האלזן וועלוועלען. וועלוועלע וועט דארפן עסן מיט פרעמדע, אומבאקאנטע מענטשן ביים טיש. וועלוועלע וועט דארפן מאכן זיין אייגענע בעט. וועל־וועלע וועט זיך אליין דארפן צודעקן אין א קאלטע נאכט. וועלוועלע וועט אין מיטן נאכט, ווען ס'ווערט אומעטיג, סומנע, ניט קענען רופן: מא, מא...

— זעסט עני, האט איר מאן מיטן פינגער אויפן שיף געוויזן.
— אן איז וועלוועלע אין זיין נייער ווייסער היטעלע מיט'ן גרינעם

קאַזיראָקל. זעסט ווי ער שטייט ביים בריקל און זוכט עפּעס מיט די אויגן. — דער בריקל איז אויפן שיף אַ קאַלטער, צעטראָטענער געלעגן. אים האָט עס ניט געאַרט. גלייך ווי ניט אים מיינט מען עס. ער האָט פאַרהאַקט דעם וועג פאַר זיין טאַטע און מאַמע...

ביי טאַטע־מאַמע זענען טרערן ווי באָב געשטאַנען און געגלאַנצט אין די אויגן. די שיף האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אָפּגערוקט, פאַרשוואונדן פון די אויגן, פון האַרץ.

אַ סך, אַ סך טאַטעס און מאַמעס זענען איצט געשטאַנען מיט אַזעלכע אויגן מיט אַזעלכע הערצער. דער וואַסער איז צוריק פלאַך געוואָרן, גלייך ווי קיין שיף וואָלט אויף אים קיין מאָל ניט געשטאַנען.

יעדערער איז זיך אַוועק מיט זיין אומעט, מיט זיין צעריסענער האַרץ. נאָר אויף קיינעם האָט דאָס אַזוי שטאַרק ניט געווירקט, ווי אויף וועלוועלעס מאַמען. זי האָט זיך קיין טרייסט ניט געפונען. ס'האָט ניט געהאָלפן דאָס טרייסט פון איר מאַן, — וועלוועלע וועט ווערן געזינטער, שטאַרקער, די בלאַסע מאַגערע בעקעלאַך וועלן רויטער און פולער ווערן.

דער טאַטע האָט איר נאָך צום באַן באַגלייט און איז איילענדיג געלאָפן אין שאַפּ, וואָס איז איצט גראָד אַביסל ביזי געוואָרן. אין שאַפּ, ביים מאַשין האָט ער פאַרגעסן... וועלוועלען פלעגט ער אַלץ איינס ווייניג זען די לעצטע צייט; מיטינגען, זוכן אַ דזשאָב האָבן אים אָפּגעפרעמדט מיט זיין איינציקן וועלוועלען. ביינאַכט פלעגט אים בורסטין טרעפן שלאָפנדיק, אין דער פרי דאָס זעלבע.

דער גאַנצער ווייטיק האָט זיך דער מאַמען אָפּגעשטעלט. קומענדיק האָט זי געטראָפן שטומע שאָטנדיקע ווענט. דאָ איז נאָך וועלוועלעס אַ זעקעלע געלעגן, דאָ אַ העמדעלע, דאָס האָט וועלוועלע פאַרגעסן, די מאַמע קלייבט די זאַכן. אַ ציטער גייט איר איבערן לייב, די ווענט ריידן ניט, בעטן ניט, שרייען ניט — מאַמע גיב עסן, אַ פעני. — שטום. ראַמט זי, טראַכט. יעדער שאָרך אין הויז מאַכט

איר וואָך, מיט יעדע באַוועגונג פון איר קערפּער דערפילט זי איר קינד, איר וועלוועלען מיט זיינע צאַרטע און ווייכע הענטעלאַך.
— ניט באַדאַרפט שיקן אַ קינד אַליין, מאַמעס האַרץ, מאַמעס נשמה וואָלטן מער גוט געטאָן דעם קינד ווי צוואַנציק קעמפּס — האָט די מאַמע געטראַכט.

שכנים, דער דאָקטאָר, האָבן אַלע געזאָגט, אַז מ׳מוז דאָס קינד שיקן. ער איז בלוט־אָרעם. דער טאַטע, כאָטש ער זיצט אין שאָפּ, לויפט צו מיטינגען, הוסט דאָך מיט אַ מאָרנעם הילכיקן הוסט.

— וואָס זאָל ניט זיין וועט פאַרן קינד אַלץ זיין געזינטער פון ווייטן...

שעה׳ן האָט זיך די שיף „אַלעקסאַנדער האַמילטאָן" געשפּילט מיטן וואַסער צווישן צוויי הויך באַוואַקסענע בערג. ווידער זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגערוקט דאָס בריקעלע, וואָס האָט אומברחמנות׳דיג פאַרשטעלט דעם וועג פאַר וועלוועלעס טאַטע־מאַמע. וועלוועלע האָט זיך אַרויסגעשטויסן מיט קינדערשע געשריי, מיט באַגריסונג צום גרינעם, זוניקן פעלד, צום איין קאַלירנדיקן הימל. קינדער איז ברוינע קאָסטיומלאַך האָבן זיך געצויגן איבערן וועג מיט פּעקלאַך אויף די פּלייצעס.

וועלוועלע זוכט מיט די אויגן, אפשר וועט ער אַ סקול, אַ שול חבר טרעפן. אין זיין מוח׳ל שפּרינגט אויף דאָס בילד פון אָפּשייד. דער מאַמעס ווייכער, סאַמעטענער קוש, דעם טאַטענס גלעט מיט מאָגערע, ביינערדיקע הענט.

געגעסן האָט וועלוועל יענעם טאָג ווייניק. די זון האָט זיך פלאַמענדיק געזעצט אונטער דעם בוים פון זיין נייער היים — זיין באַנגאַלאָו. — אפשר איז דאָס דער גן עדן, וואָס טאַטע דערמאָנט יעדעס מאָל?...

וועלוועלע האָט מיט פאַרנעפּלטע אויגן פון אומעט און נייגיר באַטראַכט די נייע וועלט.

דורך דער פאַרשטער טיר

נעשען איז עס פלוצלינג, אומגעריכט און אומדערוואַרטעט.

אַ פרימאָרגן, ווי אַלע פרימאָרגנס אין אַ האַלב־מאָדערנער בילדינג, אין מיטן סעזאָן, אין אַ ניו יאָרקער קלאָוק שאַפּ.

אַרבעט ביי די מאַשינעס, אין די גרינע, בלעכענע קאַסטנס, אויף די ווענטלאַד פון די שטולן און אויף יעדן ליידיקן אָרט.

יעדער אַרבעטער אַרבעט מיט׳ן גאַנצן כח, מיט׳ן גאַנצן אימפעט און מיט׳ן גאַנצן ברען, וואָס זיי באַזיצן. גאָר אָפט מיט פיל מער גבורה, מיט מער פייער ווי זיי פאַרמאָגן.

די מאַשינען, די פרעס־אייזנס, די שערן — אַלץ לאָזט זיך הערן, פּאַלנדיק, קלינגענדיק, קלאַפּנדיק, סאָפּענדיק, הוזשענדיק. נאָר דער זייגער גייט שטיל, רואיק און ציט אומבאַמערקבאַר די ווייזערס פון איין שעה צו דער צווייטער, דריטער, פערטער — ביז צוועלף. צוועלף אַזייגער בלייבט אַלץ שטיין שטיל. נאָר די שטולן, קאַסטנס צורוקן זיך. ס׳הויבן זיך אויף די אַרבעטער פון זייערע ערטער, בליץ־שנעל טוען זיי זיך אָן אין זייערע גאַסן־קליידער, אין די היט, אין די רעק, גרייט אַרונטערפליען מיט׳ן עלעוויטער פאַר מיטאָג. די פרויען, דאָס שענערע געשלעכט, כאַפּן נאָך אַ קוק אויף די שפּיגלאַך אין זייערע בייטלאַך, און אָט ווייסט זיך אַ נעזל, שוואַרצט זיך אַ ברעם, רויטיקן זיך אַ פּאָר ליפּעלאַך. אַלץ גיך, גייענדיג, לויפנדיג היינט ווי נעכטן, ווי אייער־נעכטן, ווי אַלעמאָל, ווי אַלע טאָג.

אומגעדולדיק שטייען שוין אַלע ביים טיר, די אַפּרייטאָרס, די פּרעסערס, די שניידער, די צושניידער, און וואַרטן. אָט איז דער עלעוויי־טער, דער זעלבער „דזשים“ מיט׳ן בראַנזענעם פּנים, וואָס האָט זיי מיט 4 שעה פריער אַזוי פריינדליך אַרויפגעפירט איז שאַפ, הויבט אָן קלייבן:

— דו ביזט אַ בייער, אַ קויפער — „קאַם אין“; אַ שניידער, אַ פּרעסער, אָן אַפּרייטער — מיט דער אַנדער זייט, וואו מען פירט די געצייג, מאַטעריאַלן און אָפפאַלן, אַזוי מיט די מענער, אַזוי מיט די פרויען פון שאַפ.

ווי אויסגעפּאַטשטע, אָפּגעשמיסענע, זענען די אַרבעטער, ווי פאַרגליווערטע געבליבן שטיין פון דזשים׳ס פּלוצלינגע רייד.

אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אומדערוואַרטעט, אָן שום וואָרנונג, אָן די קלענסטע באַמערקונג פון באָס, פון פאָרמאַן — האָבן די אַרבעטער געוואונדערט.

— אָט דאָס איז דאָס! — האָט זיך נאָך דער שטענדיק גוטער דזשים נאָך אַ רייץ געטאָן. קיינער האָט גאָרניט פאַרשטאַנען, קיי־נער האָט בשום אופן ניט באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר. — רייצט זיך דאָס מיט אונז דזשים, צי וויל ער אפשר גאָר אַ פאָר סענט... אַ טיפּ.

דזשים׳ס שוואַרצהויטיגער פּנים ווערט ערנסטער, שטייפער, בייזערט זיך, שרייט, שטופּט.

„דיס דאָר איז נאָט פאָר וואָירקערס, איט איז אָנלי פאָר באָ־סעס, פאָר אָפיס פּיפּל“, — האָט זיי דזשים אָן שום העפליכקייט דערקלערט.

אַ ווײַלע האָבן זיך די אַרבעטער אָנגעקוקט ווי שטומע, גע־וואונקען, געצויגן מיט די אַקסלען... איז עפּעס געשען, איז עפּעס קאַליע געוואָרן? דזשים האָט לאַנג ניט געטראַכט, אָפּגעשטופּט דעם, יענעם, פאַרמאַכט די טיר און מיט אַ האַלב לײדיגן עלעוויי־טער אַראָפּ אונטן.

לאַנג שטיין, ריידן טראַכטן האָבן די אַרבעטער קיין צייט ניט. די מיטאָג־שעה שטייט ניט.

היימי, אַן עלטערער איד, אַ שניידער, וואָס איז געשטאַנען שוין אַן אָפּגעגעסענער, און געוואָלט אַראָפּ אַביסל אַזוי זיך אַ כאַפּ טאָן אין זיך אַביסל פרישע לופט, זיך אַ וואַרעם טאָן אונטער דער הערבסט־זון. ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. די מיטאָג־שעה איז שוין באַלד פאַריבער. מיט די ניט קיין געגעסענע אַרבעטער, ווייס ער, וועלן זיך די מאַשינען ניט דרייען, די אייזנס וועלן ניט פּרעסן, — טאָ לאָמיר גיין מיט די „בעק".

אַלע האָבן גענומען קוקן קרום אויף דעם אַלטן חיים'ען. — ווייבע נשמה! — האָט ראָזע, די „פּעלער האַנט", אויף אים גענומען שרייען: — מיט אייך קען מען דאָך מאַכן וואָס מען וויל... — און ווען מען הייסט אים גיין מיט די טרעפּ — גייט ער ניט? — האָבן זיך אַנדערע געקאָכט אויף היימען.

היימי האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס, אַזוי, זאָגט ער, האָט ער אַמאָל ערגעץ אין אַ יוניאָן שריפט געלייענט:

„אַרבעטער, פאַרביינגט אייער כבוד. אויב מען לאָזט אייך ניט גיין מיט דער פאַדערשטער טיר, גייט מיט דער הינטערשטער:

„אויב מען לאָזט אייך ניט גיין מיט'ן עלעוויטער, גייט מיט די „שטיגן", מיט די טרעפּ.

„גייט שטיל, רואיק, פרידלאַך, ווי אָרגאַניזירטע, דיסציפּלי־נירטע סאָלדאַטן, ווי יוניאָן לייט!"

דערביי האָט ער געצויגן די ווערטער, ווי אַרויסגעלייענט פון אַ בוך.

די אַרבעטער האָבן זיך צולאַכט.

— ר' חיים! — האָט שוין דזשייק, אַ יונגער אָפּרייטאָר, צו אים אין שפּאַס זיך געווענדעט, — היינט איז דאָך ניט קיין סטרייק, קיין דזשענעראַל סטרייק.

— קיין סטרייק ניט ! — האָט זיך דער אַלטער חיים אַ כאַפּ געטאָן. — עס קען אָבער ווערן... לאָמיר נאָר ארונטער פון שאַפּ. די טיר. זעט איר דאָך, איז פאַר אונז פאַרמאַכט... מ'דאַרף זיין אַ באָס, אַ בייער, אַ סיילסמען, אָן אָפּיס מענטש צו קענען גיין מיט דער פאַדערשטער טיר...

איינציקווייז, שטיל, רואיק, ווי היימי האָט זיי געזאָגט, האָבן זיי זיך דורכ'ן הינטערשטן עלעוויטער אראָפּגעלאָזט. נאָר אַנשטאָט עסן האָבן זיי זיך געלאָזט דורכן גאַס צו דער פאַדערשטער טיר, זען, הערן, וואָס האָט פּאַסירט, וואָס עס האָט געטראָפן.

אַ סך אַנדערע אַרבעטער פון אַנדערע פלאָרס, פון אַנדערע שעפּער האָבן זיי געטראָפן מיט באַליידיגטע, צעשראָקענע פּנים'ער — אַזוי פלוצלינג, אַזוי אומגעריכט.

— קיין זאַך אַרט מיך ניט אַזוי, ווי אַזאַ באַליידיגונג, מאַכן אַזאַ אונטערשייד פון מענטש צו מענטש.

— כ'האָב גאָרניט געוואוסט, וואו דער פּראַכט עלעוויטער געפינט זיך... — קלאָגט זיך אַן אַרבעטער, וואָס אַרבעט אין דער בילדינג דעם דריטן סיזאָן.

— נו, וואָס זאָגט איר איצט, ר' חיים ? — האָט שוין ראָזע, אין אַ ווייכן, מילדערן טאָן דעם אַלטן געפרעגט. — זאָלן מיר איצט ווידער פאַרבויגן אונזער כבוד ? גיין מיט די „בעק", מיט די פּעק, מיט די שמוץ, מיט די זעק ?...

— ניין ! — האָט ר' חיים שטאָלץ און מוטיג, ווי אַ יונגער מאַן געענטפערט, — ארויפגיין אין שאַפּ מוזן מיר דורך די פראָנט, דורך דער פאַדערשטער טיר, ניט ווי די שקלאַפן, נאָר ווי בראַווע, פרייע מענטשן ! ! !

— דורך דער פאַדערשטער טיר ! — האָבן אַלע באַגייסטערט געשריען, — דורך דער פאַדערשטער טיר ! ! !

שבת

(אין צייט פון ירידה)

— ס'איז עפּעס דאָ, ס'וועט עפּעס זיין?

אזוי גיט יעדן טאָג בערל, אָדער ווי ער רופט זיך דאָ אין אמע־ריקע — באַרנעט גאָלדשטיין, אַ פרעג „די סטעדי העגט", דעם „מענעדזשער" פּרעסער און דעם הויפּט צושניידער, דעם „קאַטער".

— וואָס פרעגט איר אונז? — גיבן זיי באַרנעט'ן אָפּטמאָל ביי־זלאָך אַ זאָג, — וואָס זענען מיר דאָ באַלעבאַטים צי וואָס? דעם באָס, דעם באָס, — גיבן זיי אַ טייטל מיט די פינגער צום שאָו־רום, — פרעגט דעם באָס.

באַרנעט ווייס, אַז זיי קימערט דער סלעק וועניקער פון אים. זייערע שכירות קריגן זיי יעדע וואָך, צי זיי אַרבייטן, צי ניט.

— וועמען דען זאָל איך פרעגן? — רעדט צו זיי באַרנעט גראָד אין אַ פריינדליכן טאָן — איך פרעג אייך, ווייל איר זענט די ערשטע צו וויסן צי עפּעס איז דאָ, צי עפּעס איז אַריינגעקומען...

זיי, דער „מענעדזשער" און דער קאַטער, ווייסן אַז דעם באָס איז ניטאָ וואָס צו פרעגן. זיי זענען עס די וואָס שטעלן אַז די „מענטשן", ס'זאָל ניט זיין קיין אָפּהאַלט, דער אָרדער זאָל געשניטן ווערן, די באַשטעלונג זאָל „געשיפּט" ווערן... אַנדערש פירט מען זיך ניט ביי דער קרידזשינדזשיק קלאָוק קאָמפּאַני, אין דער 39טער גאַס, ניו יאָרק.

באַרנעט גאָלדשטיין איז נאָך ביי היינטיקע צייטן פון די גליק־

לאכע. ער האט א שאפ, אז ארט וואו צו קומען, זיך אנווארימען, א קוק טאן, א שמעק טאן. אנדערע ארבעטער האבן אפילו דאס אויך ניט, אפילו וואו צו גיין פרעגן, אויף עפעס צו האפן, מיט עפעס זיך צו טרייסטן...

האט ער ניט קיין ארבעט, זעט ער ווי מען מאכט „סעמפלס“, ווי מען גרייט זיך. דוכט זיך, יענעמס ליידן זענען גרעסערע, שווע־רערע — ווערט אביסל גרינגער אויפ׳ן אייגענעם הארצן, אויף דער איינענער נשמה. אבער טאקע בלויז אין דעם איז באשטאנען זיין גליק...

גאלדשטיינ׳ען געפעלט ניט דער איינפיר, אט די סיסטעם. לויפן יעדן ליבן טאג אין שאפ פרעגן, איז עפעס דא, דארף מען מארגן אויפשטיין, ארייננקומען; יעדן טאג, צי עס איז רעגן, צי עס איז שניי, צי עס איז זוניק, שיין, זיך שלעפן מיט דער אונטער־ערדישער באן אין געדראנג, אין גערויש סתם אין דער וועלט אריין...

די זעכצן יאר יוניאן, די אויסגעקעמפטע גוטע באדינגונגען האבן ביי בארנעט׳ן געשאפן נייע באגריפן, אז אז ארבעטער איז אויך א מענטש, דארף זיך אומזיסט און אומנישט ניט שלעפן...

ער האט געוואוסט די נייע באציאונגען צווישן מענטש און מענטש, צווישן לאנד און לאנד. אפילו אין זיין פאך, אין זיין טרייד, א יוניאן, לעבענס שטאנד, קאנדישאנס, צייט פון ארבעט, בעסערע, שענערע, פריינדליכערע געפילן פון איין ארבעטער צום צווייטן... איבערהויפט האט דאס אפעלירט צום אפרייטאר בארנעט גאלדשטיין, צו זיין הארץ, צו זיין נשמה, בטבע ניט קיין איינרייסער, ניט קיין ארייננפארער. יענער האט פונקט אזא רעכט צו לעבן, ווי איך... יענער איז אמת׳ער, געגרעכטער און פייאיקער פון מיר, — דער געדאנק האט שטענדיג באהערשט זיין מארך.

פון דאס אפטע קלערן, טראכטן און דענקען איז בארנעט גאלד־שטיין, דער מיטל־יאריקער אפרייטאר, דערגאנגען צו נאך א זאך — אויסער קלאוקס איז פאראן א גרויסע, שיינע, ליבע וועלט.

אין שאַפּ איז ער דעם פּרייטיק געקומען ווי אַלע מאָל, מיט׳ן זעלבן פרישן, קלאָרן מילדן אויסדרוק אויפ׳ן פּנים, מיט די זעלבע גוטע רייד. געלויבט דאָס לאַנד אַמעריקע, מיט איר רייכקייט, מיט אירע מעגליכקייטן . . . דורך זיינע קינדער׳ס סקול־ביכער האָט ער זיך דערוואוסט פון אַמעריקע׳ס גרויסע מענטשן, פון אַמעריקע׳ס אויפטו : ווי אַלץ איז פאַרשריבן, קיין זאַך ניט אויסגעלאָזט, קיין זאַך ניט פאַרפעלט. דער האָט עפּעס דערפונדן, דער האָט עפּעס אַנטדעקט, דער האָט זיך געמאַכט נוצליך פאַר זיין פאָלק, פאַר זיין לאַנד. נאָך דעם איז פאַראַן אַ גאַס, אַ שול, א הויך־שול, קאַלעדזשעס, אוניווערזיטעטן. שטאָטן רופן זיך מיט זייערע נעמען. ווענן אַלץ האָט ער יענעם פּרייטיק גערעדט, איבערהויפּט מיט׳ן צושניידער.

אַז בארנעט גאָלדשטיין האָט זיך אויסגעגלייכט, גענומען זיך קליידן אַהיים גיין, איז אים מיסטער קרידזשינדזשיק אַנטקעגן גע־קומען. — מאָרגן מוזט איר אַריינקומען אין שאַפּ, — האָט אים זיין באָס געלאָזט וויסן.

— איר שפּאַסט פון מיר, מיסטער קרידזשינדזשיק, — האָט בארנעט אָנגעקוקט זיין באָס, וואָס איז שטענדיג אַרומגעלאָפן און געצויגן די הויזן. נאָך זיין טאָן, נאָך זיין הויבן די ברעמען, די פאַרשאַרפטקייט, די שפּיציקייט אין זיין בליק, האָט בארנעט געזען, אַז זיין באָס מיינט עס ערנסט.

— וואָס איז דאָס דאָ ? איז ער פון זינען אַרונטער ? נאָר וואָס מיט׳ן קאַטער גערעדט, קיין געשניטענע וואָרע איז ניטאָ, — האָט בארנעט געקוועטשט מיט די געבוּיגענע פּלייצעס.

— כ׳היים דיר מאָרגן אַריינקומען—האָט שוין קרידזשינדזשיק גערעדט חוצפה׳דיגער. — וואָס טראַכסטו — ס׳געפעלט דיר אפשר נישט ?

ווי מיט אַ שווייס האָט אים אָפּגעגאָסן. פינף וואָכן אַ שטאָד ניט געטאָן, אַ סענט ניט פאַרדינט.

— אָבער מאָרגן איז שבת! — האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין הארצן, — מאָרגן איז דאָך שבת, שבת...

קרידזשינדזשיק, דער קלאָוק־מאַנופעקטשורער, איז שוין געווען ווייט פון אים. אָפּגעזאָגט דאָס זייניקע און איז זיך, קראַצנדיק אַן אויער, אַוועק... געלאָזן בארנעט'ן שטיין ביים טיר אַ באַליי־דיגטן.

בארנעט איז צוגעלאָפן צו נאָך אַרבעטער, צו נאָך אידן פון שאָפּ.

— איר קומט מאָרגן אריין? — האָט ער זיי געפרעגט.

— נו, איר זעט דאָך, אייערע גוטע באָסעס... — האָבן אים אין דער שטיל די אַרבעטער געענטפערט.

מער רעדן, מער פרעגן האָט ער שוין ניט געקענט. בארנעט איז שוין געשטאַנען ווי אַ פריטשמעליעטער, ווי אַ פאַרגליווערטער.

— שבת, שבת... דער טאָג פון רו ביי אידן דורך משה'ן, דער טאָג פון רו, אויסגעסטרייקט, אויסגעקעמפט פון אונזער יוניאָן... — ווי שפּיזן האָבן אים געלעכערט זיין הארץ, — נאָר איין מאָל אריינקומען, נאָר איין מאָל ווייזן אַ וועג און איך בין פאַרהאַסט און פאַרוואָרפן פוןביידע וועלטן, פון די און פון יענע...
— האָט זיך געבויערט אין זיין מח.

—די אויגן וועל איך פאַר קיינעם ניט קענען ווייזן! — האָט ער אויסגעזיפצט.

— כ'וועל ניט אריינקומען, — האָט בארנעט גאָלדשטיין דעם גאַנצן וועג אהיים געטראַכט.

—כ'וועל ניט קומען און געניג — האָט ער שוין אַזוי גוט ווי באַשלאָסן ביי זיך.

— ניט קומען און געסעטלט... — האָט ער מעשה העלד זיך געשטאַרקט.

— פאַראַן אַזוי פיל ליידיקגייער, אַזוי פיל אַרבעטער אָן

דזשאָבס, אָן שעפּער, וועט זיין נאָך איינס, נאָך אַ קרבן, — האָבן וועלטן, מענטשן און צייטן דורכגעבליצט דורך זיין קאָפּ.

באַרנעט, וואָס איז פון דער נאַטור געווען אַ גוטער, האָט איצט דערפילט אַ שנאה, אַ פיינדשאַפט צום באָס, צו די אַרבעטער. דער גערויש פון דער אונטערערדישער באַן האָט זיך אויסגעמישט מיט זיינע געדאַנקען. ס'האָט אים עפּעס ווי אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ און אין האַרצן. די אויגן אויסגעשטאַרט, ווי צוגלייזט, אויף אַ רגע אינגאַנצן פאַרגעסן וואו ער איז, וואו ער פאָרט, וואו ער גייט און וואו ער געפינט זיך . . .

אין הויז צו זיין פאַמיליע איז באַרנעט געקומען אַ פאַרמאַטער־טער, ווי נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, ווי נאָך אַ גרויסע וואָך פּעי, וואָס ער האָט שוין לאַנג, לאַנג ניט געזען, לאַנג, לאַנג ניט געבראַכט.

— נו, וואָס הערט זיך ? — האָט זיין פרוי געפרעגט, ניט באַ־מערקנדיק אין פאַרנאַכטלאַכן שאָטן אין הויז באַרנעט'ס אומרו־היגקייט, באַרנעט'ס צוטראָגענקייט און בלאַסקייט.

— מאָרגן איז שבת, שבת, שבת, — האָט זיך מיט אַן אומפאַר־שטענדלאַכן טאָן געזייט דורך זיינע ציינער — שבת, שבת, שבת . . .

זיין פרוי האָט עפּעס יאָ געהערט און ניט געהערט. קולות, גוואַלדן פעלן ניט אַרום הויז ; שכנ'ישע קינדערלאַך שרייען אַרויף צו זייערע מאַמעס — מאַ, מאַ, מאַ ! דאָס פאָרען זיך אַרום שבת האָט פּעשע'ן, אָדער ווי זי רופט זיך אין אַמעריקע — פּאָלין, פאַר־טראָגן ווייט, ווייט אין אַן אַנדער צייט, אין אַן אַנדער וועלט, וואו דאָס שבת מאַכן, דאָס קאָכן און באַקן האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון הייליקייט, פון הימלשע פרייד ; וואו אין די פיש, חלה און קוגל זיינען פאַרוועבט איר קינדהייט, כאָטש ווייט פון יענעם אָרט, פון יענעם לעבן, האָט דאָך געשוועבט פאַר אירע אויגן יענער בלויער הימעל, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער איר געבורטס־שטעטל. אָפט דערמאָנט זי זיך אָן די לעבעדיקע געשטאַלטן, וואָס זי האָט אים אַלס קינד אין הימל געזען.

— זאָגסט עפּעס ? — האָט זי אַריינגעזאָגט אין די שבת'דיקע

טעפּלאַך. דער גאַנץ לאַנגער קאָרידאָר האָט אין זיך איינגעזאַפּט אויך אירע רייד.

באַרנעט איז איצט געזעסן אַליין. ער האָט שוין ניט גערעדט, ניט געמורמלט, האָט נאָר געטראַכט וואָס זאָל ער טאָן מאָרגן? זאָל ער גיין אין שאַפּ, זיך אונטערוואַרפן אַ געוויסנלאָזן באָס? זיין כעס פלאַמט אויף. אָבער באַלד פאַרכאַפּט ער זיך. דער באָס איז אויך אַ מענטש... גאַנצע טעג טרעט ער ניט אָפּ פון שאַפּ, נאָר ער לויפט, שמייעט, איז שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק. אין קאָפּ מער גרויע האָר, ווי שוואַרצע, און אַן שפּאַקולען זעט ער ניט. אפשר צווינגט אים אויך דער לעבן, די נויט, אַזוי צו טאָן, אַזוי צו האַנדלען, אַזוי צו ריידן און האַבעווען. ער איז דאָך אויך אַ איד. אים וואָלט אויך בעסער געווען גיין שבת אין שול, זיך דורכשפּאַצירן אין גאַס, אין פּאַרק, געניסן פון לופט, זון און גייסטיקע פרייד. אפשר איז אים אויך ניט צו פאַרדיינקען... עס איז אַזאַ טרייד, עס איז אַזאַ פאַסקודנע באַשעפטיגונג. דערצו ניט קיין ארויפגעאַרבעטער.

— אָבער איך קען מאָרגן אין שאַפּ ניט גיין, ער איז אַ באָס, האָט אַ שאַפּ, האָט האַפנונגען, אַ גוטער „סיזאָן“ און אַנדערע וועלן אַרבעטן פאַר אים. וואָס קאָן איך מאַכן אין די פאַר שעה? זיך מיאוס מאַכן, דערנידעריקן. מענטשן וועלן זיך דערוויסן, מען וועט טייטלען מיט די פינגער. ביי אַ יוניאָן, ביי אַ שאַפּ מיטינג, וועט זיך אויפכאַפּן דער געוויסן. דער נאָמען מענטש וועט דאָך פאַר מיר זיין צו הויך. געסקעבט... געאַרבעט שבת!...

פאַרנאַכטלאַכע שאָטנס האָבן איינגעזאַפּט זיינע געדאַנקען. די שווערע געדריקטע שטימונג, די זיפצען האָבן זיך געריסן איינס נאָך דאָס אַנדערע, זיך אויסגעמישט מיט׳ן בלויען רויך פון זיין סיגאַרעטל.

אַ נאַכט האָט באַרנעט גאָלדשטיין אָפּגע׳חלום׳ט. געזייט פאַר לעבעדיקע און פאַר טויטע; פאַר מענטשן און פאַר טייוואָלים.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ קאַלטער, אַ גרויער, אָבער שלאָפן

האָט ער ניט געקענט, כאָטש די נאַכט האָט אים אַזוי אויסגעמאַטערט. אַ לאַנגע ווינטער־נאַכט „געניית" קלאָוקס.

שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט פון זיין געלעגער. די פרוי, די קינדער זיינען איינגעוויקלט אין רואיקן שלאָף, קיינער איז ניט געשטערט געוואָרן פון זיין אומרו, פון זיין שווערן געמיט. די זיפצן, די קרעכצן האָט ער פאַרשטיקט טיף אין האַרצן, שטיל, רוהיק, קיינעם ניט שטערן, האָט ער אויף זיין קערפּער אַרויפגעצויגן די קליידער, זיך אַרומגעוואַשן; פאַרקעמט יום טוב'דיק, — ס'איז דאָך היינט שבת. וואָס עס זאָל ניט טרעפן, מ'איז דאָך אַ מענטש. קיינעם דאַרף פון מיר ניט עקלען, קיינער דאַרף ניט וויסן וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך, קיינער דאַרף ניט וויסן וואו איך גיי, וואו איך פאָר... — האָט בערנעט גאָלדשטיין ניט פאַרגעסן די מינדעסטע קליינינקייט.

די גאַס איז געווען פאַרשלאָפן. אַ מילד וועגעלע איז זיך געפאָרן, די טריט פון די שווערע פערד־פיס האָבן טערפּיק געקלאַפּט אויף דעם גלאַט־געפלאַסטערטן וועג. וואו ניט וואו האָט זיך אַ קרעמל, אַ צייטונגס־אויפשטעל געעפנט.

פאַרשעמט איז בערנעט גאָלדשטיין פאַרבייגעגאַנגען זיין צייטונגס־פאַרקויפער. — וואו גייט ער עס אַזוי פרי, שבת?... — האָט ער, דאַכט זיך געהערט זאָגן...

— אויף קיינעם איז גאָרניט אַזאַ אויסגאַס. זיי זענען אויך מענטשן, זיי זיינען אויך אידן. אָבער קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום. זיי האָבן ניט קיין שבת, קיין זונטיק, קיין טאָג און קיין וואָך. דאָך קימערט עס קיינעם ניט, קיינער טראַכט גאָר ניט, קיינער רעדט גאָרניט וועגן זיי... אַלע טאָג מיט'ן פרימאָרגן, און נאָך פריער, איז מען אויף די פיס, אַלע טאָג באַקן זיך פאַר זיי אויס נייע צייטונגען . . . — האָבן די געדאַנקען אין זיין מח געשטורמט...

— פאַראַן פרייע, הפקר לעבנס פאַר אַנדערע. ניט ווי איך, שטענדיק אין דיסציפּלין, אין מורא פאַר דעם, פאַר יענעם. אין שאָפּ, אין דער יוניאָן — אַזוי און אַזוי מוזטו טאָן, אַזוי און אַזוי

מוזטו זיך פירן. דאַ מעגסטו אַרבעטן, דאַ איז פאַרבאָטן, ווען ניט — ביסטו שוין אַ סקעב...

דערמאָנט זיך סקעבעריי, גיט אים די בלוט אַ שפּאַר אין קאָפּ. דאָס איז דאָך אַזוי עקלאַפּט, פאַרוואָס פאַר אַ צוועק און אונטער וואָס פאַר אַ אומשטענדן מען זאָל עס ניט טאָן. אַפילו ווי זיין לאַנדסמאַן, וואָס האָט מיט סקעבישע געלט זיין זון אין קאָלעדזש געשיקט. — ווי מען קוקט דאָס אויף אים און אויף זיין דאָקטאָר, ווי אויף גזלנים, מערדער, וואָס האָבן באַגראָבן, רואינירט אַ טרייד, אַ יוניאָן, אַזוי פיל נפשות.

— מיין איצטיקער גיין אין שאַפּ איז אויך אַ רעזולטאַט פון יענעם סטרייק, פון יענעם בלוטיקן קאַמף. יעדער האָט געזוכט זיך צו באַפרייען, צו ראַטעווען זיך, אַנטלויפן פון אומקום דורך אַ באַזונדערע טיר . . . אָט דאָס איז דער רעזולטאַט! — האָט באַרנעט גאָלדשטיין ווי אויסגעשריען אַליין צו זיך.

זיינע פינגער האָבן שוין געהאַלטן דעם ניקל־שטיקל אַריינצוּוואַרפן אין אויטאָמאַטישן מאַשין אַריינצוגיין אין באַן.

— היינט איז שטילער, היינט איז רואיקער, היינט איז שבת. ווייניקער מענטשן גייען, ווייניקער מענטשן פאָרן. אַפילו אין אַזאַ ריזיגע וועלט־שטאָדט, ווי ניו יאָרק, איז דער שבת קענטיג.

דער אויטאָמאַטישער רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן, דער ניקל־שטיק האָט זיך אָפּגעקלאַפּט, באַרנעט גאָלדשטיין איז אַריין. ער פאָרט אין שאַפּ, אַרבעטן, פאַרשוועכן זיין היילינגטום, ווי ער אַליין פלעגט תמיד זאָגן: דאָס היילינגטום, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון גאָט דורך משה'ן און פון זיין יוניאָן, דורך שווערן, ביטערן קאַמף, דורך סטרייק . . .

אין מענטשנ'ן לעבן טרעפן אָפט ציטן, וואָס ער איז מויער־פעסט, אייזן־שטאַרק. קיין זאַך אַרט אים ניט, קיין זאַך רירט אים ניט. אַפילו ניט דער שאָטן פון טויט.

גייענדיק, האָט ער נאָך ווי עס איז געהאַט אַן אויסרייד — קען ער ניט שלאָפן, בייזע חלומות האָבן אים אויפגעוועקט און טרייבן, מאַלע וואו מענטשן גייען, איז אַביסל פריער. און אַז שבת מוז מען דאָס ליגן אין בעט? ווייס איך עפּעס אין שטוב וואָס דער פרימאָרגן אַ ?: ערוי און קאַלט? אָבער ווען דער ניקל־שטיק האָט זיך אָראָפּגעלאָזט, זיין גאַנג איז באַשטימט...

— איך פּאָר אין שאָפּ, איך פּאָר אַרבעטן. און לויט נאָך די מאָראַלע יוניאָן באַגריפן איז שבת ניט קיין טאָג פון אַרבייט — טאָ וואָס טו איך דאָ? ... האָט בארנעט גאָלדשטיין פאַרשנדיג געקוקט אין אומבאַקאַנטע, פרעמדע, מענטשלאַכע פּנים'ער. — גיי איך, הייסט עס, סקעבן!...

מורא'דיגע געדאַנקען האָבן אַרומגענומען זיין האַרץ. — ווען מיט מיר זאָל איצט אַן אומגליק פּאַסירן... ווי עס טרעפט אָפט אויף די באַנען מיט מענטשן אין מיין עלטער... וואָס וועט מען זאָגן, אַ איד, אַ יוניאָן מאַן איז געפאָרן אַרבעטן שבת, איז געפאָרן סקעבן.

אַט דער געדאַנק, אַט דער געפיל איז געווען בארנעט'ס הויפּט באַגלייטער צו זיין טאַט.

— שאַ, דוכט זיך דאָרט אַ באַקאַנטער, אַן אַנגעזעענער יוניאָן־מאַן. איז עס אמת, איז עס ריכטיק, — ביים ערשטן געדאַנק איז ער אָפּגעשפּרונגען, זיך אָוועקגערוקט, ווייט אין די הינטערשטע וואַגאָנעס, ניט וואו ער גייט, ניט וואו ער דאַרף האָבן. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער, די אומעטיקייט, די סומנעקייט האָבן אים גע־נומען שטיקן. קיין סך מענטשן איז אין די וואַגאָנען ניט געווען, אַלע אַזוי פרעמד, מיט אַזעלכע שרעקלאַכע בליקן. האָט ער זיך גע־לאָזן גיין דורך דער מיט אימפּעט לויפנדיקער באַן. עס האָט אים גע־בויגן און געוואָרפן פון רעכטס און לינקס; פאַראויס און אונטער זיך. אָבער אומזיסט — בארנעט גאָלדשטיין'ס באַקאַנטער, אַנגע־זעענער יוניאָן מאַן פאַרט היינט ניט.... ער זעט אים ניט... דאָס ווייזט זיך אים נאָר אויס, דאָס דאַכט זיך אים. אַט איז דאָרט אַ באַקאַנטער. אָבער אַז בארנעט שטעלט אַן זיינע אויגן איז עס אַ

פרעמדער, א ווילד־פרעמדער מענטש, וואס קוקט אזוי קאלט און בייז.

ארום דער „הויז" פון קרידזשינדזשיק׳ס קלאוק שאפ, אויף דער 39־טער גאס איז נאך קיינער ניט געווען. א שטראל פון פרייד, פון האפענונג האט זיך באוויזן אין זיינע אויגן. עס איז א חלום, א ווייסטער חלום, — ניט ער איז געווען נעכטן אין שאפ, ניט מען האט אים געהייסן קומען.

— שבת איז דער שאפ פארמאכט. שבת ארבעט מען ניט, שבת רוט מען. — האט בארנעט געשפרייזט הין און צוריק.

— ניין, קיין חלום, קיין פאנטאזיע. א שפאס, א נארישער ווילדער שפיצל. אימיצער שטייט און זעט ווי איך שפאציר, ניט קיין אויסגעהאלטענער, אן אפגענארטער. פאר א דזשאב, פאר א פאר סענט פארדינסט פארקויפן א אידעאל, א פרינציפ, מענטש־לאכקייט...

בארנעט גאלדשטיין האט זיך גענומען ציען צוריק צו דער סטאנציע, פון וואנען ער איז נאר וואס ארויס.

— ער, ער. דער צושניידער.

ביידע בליקן האבן זיך באגעגנט, זיך אומגעקוקט.

— וואו לויפט איר, בארנעט? — האט אים דער צושניידער געפרעגט.

— עט, עט — א שפאס, גארניט, איך גיי אהיים. היינט אר־בעט? היינט איז שבת, שבת...

דער צושניידער, וואס איז געלאפן איינגענורעט איז פוטער־נעם קאלנער, האט אויף אים אויסגעשטעלט א פאר פון ווינט פאר־טרערטע אויגן, גלייך ווי ער זעט אים דעם ערשטן מאל. די קאלטע, פראסטיגע לופט האט זיי ביידן געטריבן.

נאך צוויי פון קרידזשינדזשיק׳ס שאפ זיינען אנגעקומען.

— אז דער באס וועט זיך פארלאזן אויף אייך מיט עפענען, וועט פון אים אויסוואקסן א לייט, — האבן די צוויי ארבעטער גע־קיבעצט, ווי עס וואלט געווען א מיטן־וואכינגער, געוויינטלאכער טאג.

באַרנעט גאָלדשטיין איז געשטאַנען פאַר'ן טיר, עס האָט אים עפּעס ווי געצופּט ביים הארצן, ביי דער נשמה. די שטראָף פון זינד איז געווען אויסגעלייגט אויף זיין פּנים...

אין שאַפּ האָט זיך געפילט דער ריח פון גאַז און אנדערע נודנע ריחות. באַרנעט האָט געוואָלט אַ לויף טאָן צום פענסטער... אָבער דער צושניידער האָט אים פאַרהאַלטן. — די פענצטער מוזן זיין היינט פאַרמאַכט, אַז מען עפנט קען מען ניט צומאַכן. היינט איז שבת, ניטאָ ווער עס זאָל פאַרריכטען...

די שטיקל אַרבעט אויף „באַרנעט'ס" מאַשין איז ווי אַ ווייסע חלה, אַן אָפּגעדעקטע געלעגן. אַ סעמפּל איז דערביי געהאַנגען אויף אַ הילצערנע פיגור, גרייט פאַר אים.

באַרנעט האָט באַטראַכט די קאָמפּליצירטע, שווערע שטיק אַרבעט. די שווערסטע מאָמענטן פון אַן אַרבעטער, פון אַ קלאָוק מאַכער'ס לעבן... זענען פאַר זיינע אויגן געקומען. דער סטייל איז איצט פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן... פון אַזאַ אָנשטרענגונג, פון אַזאַ קאַמף אַ גאַנצע נאַכט מיט חלומות, מיט'ן געוויסן...

נאָך אַ האַלבען טאָג פון דרייען זיך, קרימען זיך, אַ שניט אַהין, אַ שניט אַהער, אַ שטעפּ אַהין, אַ שטעפּ אַהער, האָט באַרנעט אַראָפּגענומען דעם סאַמפּל און אַרויפגעשלעפּט אויף דער פיגור זיין שטיק אַרבייט...

קרידזשינדזשיק איז צוגעלאָפן, אָנגעקוקט און זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ... ער דרייט אַהער און אַהין. קיין זאַך האָט איז דעם בגד ניט געטויגט. אפילו אַן אַרבל, אַ מאַנקעטל, אַ שטעפּל...

— אַן אַרויסהעלפער, אַ לערן־אינגל וואָלט עס בעסער פאַר־שטאַנען, בעסער געמאַכט, וואָלט ערגער ניט באַגראָבן.. גייט, גייט אייך פון וואַנען איר זייט געקומען... איר קענט דאָך גאַרניט אַר־בעטן, איר קענט דאָך גאַרניט נייען... אַזאַ קאַליקע! גייט, גייט, גייט פון דאַנען!... — האָט דער קלאָוק באַס קרידזשינדזשיק גע־דונערט איבער באַרנעט'ס טיף אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ...

ווען די מאַמע איז ניטאָ

אַז בערמאַן איז פאַרנאַכט געקומען פון שאַפּ האָט ער שוין זיין צען יאָריגן איינגל געפונען וואַרטנדיגביים טיר אין אַ פאַרזאָרגטע, אומעטיקע שטימונג. די בלאָנדע הערלאַך זענען געשטאַנען אין אַ צעשויבערטן צושטאַנד, אין די אויגלאַך איז געלעגן צער און אויפ׳ן בלאַסן, מילכיקן פּנימ׳ל איז געווען אויסגעשפּרייט די ערשטע, שווערע קינדערשע, לעבענס דערפאַרונג, דעם ערשטן טאָג אַ פרייער... דעם ערשטן טאָג אָן אַ מאַמען...

„איז מאַ אין האָספּיטאַל?“

האָט דאָס קינד מיט פאַריסענע אויגלאַך אין אַ ציטערדיקן קול׳כעל בערמאַנען געפרעגט.

— יאָ, — האָט זיך מיט אַ שווערן זיפץ ארויסגעכאַפּט פון בערמאַנ׳ס האַרץ, אַז „זי איז אין שפּיטאַל“.

בערמאַן איז געשטאַנען אַ מידער מיט ליידנדע קנייטשן אויפן פּנים, פון זאָרג, פון שווערן טאָג שאַפּ־אַרבעט, פון שרעקלאַכן סאָבוויי געדראַנג, ווי עס טרעפט תמיד אין אַ רעגן־טאָג אויף די ניו יאָרקער שטאָט באַנען, אין די „ראַש אַוערס“, ווען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פּעקלען זיך אַהיים פון דער אַרבעט.. .

די באַלייכטונג אַנטקעגן זיין טיר איז געווען אַ שוואַכע, דאָך האָט מען גרינג געקענט באַמערקן פאָטער און קינד. מ׳האָט געקענט זען אַ פרי פאַרעלטערטן מענטשן אָן הויכע יאָרן און אין דאָס קינד׳ס אויגלאַך האָבן טרערן געגלאַנצט.

„ווען וויל שי בי בעק?“ — האָט זיך פון קינד׳ס הערצעלע אַ רים געטאָן אַ נייע פראַגע.

בערמאַן האָט אימפּעדיק גענומען אויפשליסן די טיר, געוואָלט פאַרטומלען אי זיך, אי דעם קינד פון די געדאַנקען און פון דעם קינד׳ס האַרצרייסנדיקע פראַגן, מאַכן זיך ווי ער הערט ניט, ווייסט ניט און פאַרשטייט ניט.

די טיר האָט זיך האַסטיק אַן עפן געטאָן. די נאַכט פינצטער־קייט האָט זיי ביידן אַ שלאַג געטאָן אין פּנים. ביידע האָבן זיך איילנדיק, טאַפּנדיק געלאָזט צום עלעקטרי שטריקל. ביידע, טאַטע און קינד, האָבן וואָס גיכער געוואָלט פאַרטרייבן די דיקע פינצטערניש אין וועלכע די הויז איז געווען איינגעוויקלט...

פון אויפרעגונג און קלעמונג איז דער עלעקטרי שטריקל ווי פאַרפּלוינגן. די געדיכטע פינצטערקייט האָט ווי געשטיקט זייערע געמיטער. מער פון אַלץ האָט בערמאַנען פאַרדראָסן וואָס ער האָט זיין גוטע, האַרציקע, ליבע פרוי אין שפּיטאָל ניט באַגלייט. — כ׳בין ניט שולדיג, האָט ער זיך אַליין געפּרואווט טרייסטן. פאַר־ענטפערן. — איך האָב איר געפרעגט, געבעטן, כאָטש כ׳וואָלט איר גאַרניט געקענט העלפן, גאַרניט געקענט בעסער מאַכן... דאָך, דאָס באַגלייטן, — האָט זיך בערמאַן ניט געקענט שיינקען — וואָלט איר כאָטש אויף אַ ווײַלע געמאַכט פילן בעסער, געגעבן מער כח, מער מוט, פאַר אַזאַ שריט, פאַר אַזאַ אָפּעראַציע. זי וואָלט געפילט אַז אַ־מיצער איז הינטער איר, אַז אַ וואַרימע האַרץ קלאַפּט פאַר איר וואויל־זיין, פאַר איר געזונט... איז זי דאָך אָבער אַ צו גוטע נשמה, אַז אַ ברעקעל עגאָאיזם, האָט זי מיר געהייסן גיין אין שאָפּ, „גיי, סעם“, האָט זי געזאָגט, „אין שאָפּ“. אין אַזאַ ביטערע, שלעכ־טע צייט... איז אַ טאָג ארבייט אַ גרויסע זאַך, ס׳וועט צוניץ קו־מען, ס׳גייט צו ווינטער... דו, דאָס קינד, אַ פּאָר שיכלאַך, אַ העמדל“. ווי בליי האָט אים געשטיקט אַרום האַלז. גראָד היינט איז געוואָרן „ביזי ביי קלאָוקס“! קלאָוקס! דער אומגליקלאַכסטער, פאַרשאָלטנסטער טרייד אויף דער וועלט. פּונקט דאַן ווען די

האַרץ ווערט אויף שטיקער צוריסן. דאַמאָלט איז דאָ אַ טאָג אַר־בעט. אַזוי איז קיין מאָל קיין אַרבעט ניטאָ. מ׳קען זיך אַרומ־דרייען וואַכן, חדשים און אַ שטאָד. זאָל זיך נאָר מאַכן עפּעס אַ צרה, אַן אומגליק, אַהאַ, — „ס׳ווערט ביזי ביי קלאָוקס״...

די עלעקטרי האָט אַ בליץ געטאָן, ס׳איז ליכטיק געוואָרן אין הויז. אַלץ איז שיין, ריין און גוט אויפגעראַמט, פון אַלץ שפּיגלט גלאַנצט. — זאָל זי נאָר קומען געזונט. אַ יום טוב, אַ שמחה וועלן מיר מאַכן אַז מאַ וועט אַ געזונטע אַהיים קומען — האָט בערמאַן מיט פאַרלאָפענע אויגן גערעדט צום קינד. — אַ געזונט אין מאַמעס הענט — האָט בערמאַן צוגעגעבן און דאָס קינד אין קעפּל אַ קוש געטאָן.

„דזשי, איט איז סאָ לאָנסאָם היר״, האָט דאָס קינד שוין אַ זאָג געטאָן אַ ביסל שטייפער אונטער דעם איינדרוק פון פאָטער.

„יו נאָו, פּאָפּאַ, ווהאַט איי ניים דרים איי הער לעסט נייט, ווהאַט איי ניים ? אַ מאַן האָט געדאַרפט אין יוראָפּ פאָרן, האָט ער ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן זיין מאַשין, אַ נייער, בלויער ביואיק אָטאָמאָביל — האָט ער עס דיר פאַרקויפט פאַר 50 דאָלער, דו האָסט זיך אויסגעלערנט דרייוון, זיינען מיר ביידע אין אים געפאָרן אָפּנעמען די מאַמען פון האָספּיטאָל. ווהאַט איי ניים דרים... דער־נאָך זענען מיר אַלע, איך און דו און די מאַמע מיט׳ן מאַשין אין יוראָפּ אַוועקגעפאָרן. דער זיידע אַ הויכער, שיינער איד מיט אַ לאַנגע, ווייסע באָרד האָט געוויינט און מיר אַזוי שטאַרק געקושט און געפרעגט צי איך בין אַ גוטער אינגעלע. ווהאַט איי ניים דרים ! ״ האָט זיך דאָס קינד ניט אויפגעהערט צו וואונדערן : „ווהאַט איי ניים דרים !...״

בערמאַן האָט זיך עפּעס ווי דערשראָקן פאַר׳ן קינד׳ס חלום...

— האָסט עס דערציילט מאַמען ? — האָט בערמאַן מיט האַרץ־קלאַפּונג געפרעגט דעם קינד.

— „ניין", — האָט דאָס קינד מיט מורא אין די אויגן געענט־פערט. „דאָס דערציייל איך איצט דיר. אַ סך, אַ סך זאַכן האָב איך נעכטן ניט דערציילט, ניט געוואָלט ערגערן מאַמען פאַר'ן גיין אין האָספּיטאַל. כהאָב אַפילו די „רעפּאָרט קאַרד" פון סקול ניט געוואָלט ווייזן. צוויי „סי'ס" האָב איך געקראָגן".

דאָס קינד איז געבליבן שטיין ווי אַ זינדיקער, ווי אַ פאַרשול־דיקטער, די קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. „באָט, פּאָפּאַ, איי סווער, איי סווער." האָט זיך דאָס קינד גענומען בעטן. „איי סווער, איי סווער איט איז נאָטינג, די אַריפמעטיק, די אַריפמעטיק דאָס ווייס איך ניט, קען עס אַפילו ניט סטאַדיען".

— זון מיינער, — בלייבט בערמאַן שטיין אַן אומעטיקער, פאַרטראַכטער, — די אַריפמעטיק האָט מיר פאַר אַן אומגליקלאַכן קלאָוקס אָפּרייטאָר געמאַכט. ווען ניט דאָס צוריקשטיין אין אַריפ־מעטיק, וואָלט איך איצט ניט געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, ווי אַ פאַר'משפט'ער. אַ ווייב, אַ גוטע, אַ ליבע, אַ שיינע גייט אין שפּיטאַל פאַר אַן אָפּעראַציע אַן געלט, פאַר „טשאַריטי". ווער ווייס, ווער ווייס וועלכער אינגל ס'וועט זיך אויף איר לערנען שניידן... אָבער איצט, — טראַכט ווייטער בערמאַן, — איז ניט די צייט אויסצורעדן, באַשטראָפן דאָס קינד, וואָס ליגט ניט צו בעסער דאָס קעפּל... זי איז אין שפּיטאַל. דאָס קינד, דאָס איינציקע טרייסט, דאָס איינציקע גליק אויף דער גרויסער וועלט...

בערמאַן וויל דאָך פאַרט דעם קינד עפּעס זאָגן. ס'זאָל ניט בלייבן אַזוי עלנט, אַזוי אומגליקלאַך ווי דער טאַטע. — חשבונ'ען, רעכענען איז די וויכטיקסטע זאַך אין לעבן! הערסט, מיין קינד... — האָט בערמאַן אין אַ פריינדלאַכן, צערטלאַכן אופן געזאָגט. — אַז מ'לעבט מיט רעכענונג... נו, נו, מיין קינד — האָט זיך בערמאַן פאַרכאַפּט. — נעקסטן מאָנאַט וועסטו ברייננען דורכאויס „איים".

דאָס קינד איז צוגעפאַלן קושן בערמאַנען. „יע, יע, מיין גוטער, ליבער פּאַ, איי סווער, — האָט דאָס קינד די הענטל צום האַרצן צוגעלעגט. — איי סווער „איים", דורכאויס „איים", פּאָפּאַ".

— איך האָב אַזוי, מיין קינד. — האָט בערמאַן געטרייסט אי זיך אי דאָס קינד.

פּרעסבעטיריען האָספּיטאַל. אַ רויטע, פלאַכע בילדינג אויף די רייכע ניו יאָרקער גלאַנציק געפּייוועטע גאַסן, אין דער 70טער גאַס און מעדיסאָן עוועניו האָט איינגעשלונגען נאָך אַ מענטשן מיט אַ שוואַכע האַרץ און שוואַכע לונגען. דאָס מאָל אַ פרוי. נאָך אינגער פון 35. אויסערלאַך איז אויף דער פרוי גאָרניט צו מערקן. אַ גלייכע, העלדישע פיגור, ריינע, ביז אַ געוויסן גראַד מאָדערנע, סטיילישע קליידער. מער ניט, טונקעלע פלעקן אונטער שוואַרץ געברעמטע פּאָר אויגן און אַ פּאָר בלוילאַכע ליפּן.

אַן עלנדע ווי אַ שטיין, איז זי אַ פּאָר מאָל אַהין געגאַנגען, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן. קאָכט זיך איצט ביי איר אין האַרצן, ערגערט זיך פאַר איר קליינע פאַמיליע, פאַר איר מאַן און פאַר איר איינציק צען יאָריקע קינד.

דער שפּיטאָל, זיינע געזעצן זענען שטריינגע. ווען דאָס האַרץ רייסט, ווען עס איז דאָ אַ פרייע מעגלאַכקייט צו גיין אָנקוקן ווי ס'רייסט זיך אַ נשמה צוריק פון וואַנען זי איז מיט גוואַלד געקומען, פּונקט דאַן זיינען פאַרשטעלט אַלע וועגן...

באַרימהאַרציקע שוועסטער, דאָקטוירים, געזעלשאַפטלאַכע טוער, די קראַנקע דרייען זיך פאַרביי לינעס בעטעל. אַ קוק, אַ שרייב, מיט אַמאָל אַ קראַנקע אויף אַ וועגעלע געבראַכט. מיין קינד, מיין מאַן! יאָמערט זיך אַריין אין די שפּיטאָל ווענט. די גוטסקייט, די איבערגעבנקייט פון די באַרימהאַרציקע שוועסטער, פון די דאָקטוירים באַרואיקן אויגענבליקלאַך דעם קראַנקען דעם צעווייטיקטן. באַלד הערט זיך אַ שטילער שלוכץ, רייסן זיך הער־צער, פּרעמדער ווייטיק זאַפּט זיך איין אין אייגן בלוט... געפּיינ־קעניש, אייזערנע גראַטעס. אַרויסגיין, אַרויסלויפן אָן דאָקטאָר'ס ערלויבעניש קען מען ניט, טאָר מען ניט. בלעזלט זיך די שוואַרצ־

קייט אונטער די אויגן, בלויען זיך פאַרביקער די ליפּען. דער גאַנ־צער קערפּער פאַלט אַריין אין אַ קעלט, הויבט זיך אַ קערפּער מיט אַ האַרץ און נשמה. שטיל פאַרזינקט אַ געדאַנק. נאָך אַ פייערל צאַנקט, הויבט זיך אויף ביז צום לעצטן לעבנס שטאַפּל. אַט רייסט זיך עס אַרויף, ביז ווייט, הויך, אין די הימלען און אַט לאָזט זיך עס אַרונטער אין דער טיפסטער טיפעניש. שטרייכנגער, גלעזלדיקער ווערן די אויגן. אַ שמיר אַ ריב, אַ שטאָך. דער צונג פלאַטערט, די גלידער ציען זיך אויף—אַליין צווישן ווייסע לייוונט־ווענט.... אַ לעבן, אַ וועלט ווערט שטיל... פאַנאַגראַף, חזנים גע־זאַנג, אַקטיאָרן שפּיל, אַ נייער טאַנץ רייסט זיך, אַנדערע פּים הויבן זיך העכער, זיכערער, שטאַרקער, פרייער...

„פּאַפּאַ, מיר'ן גיין עסען. פאַר'ן אַוועקגייין אין האָספּיטאַל האָט די מאַמאַ פאַר מיר און דיר מילך און ברויט געבראַכט." האָט דאָס קינד נאָך עפּעס גענומען דערציילן.

— ש־ש־ש אַ בריוו... — פון לינען ! ! שווערע געדאַנקען ברויזן אין קאָפּ, האַמערס, זעגן, קלאַפּן, שניידן. — אין אַזאַ מאָמענט, אויסדריקן געדאַנקען... שווערע שטיינער וואַרפן אויף'ן פּאַפּיר, שוואַרצע פויגל פליען אין דער לופטן.

„דאָס האָט די מאַמע פאַר דיר עפּעס אָנגעשריבן" האָט דאָס קינד ציטערנדיג איבערגעשלאָגן בערמאַנ'ס פאַרלאָרנקייט. „יאָ, פּאַפּאַ, פון די מאַמען, פון די מאַמען."

בערמאַן האָט דעם קינד גאָרניט געענטפערט. ער האָט זיך מיט די אויגן איינגעגראָבן אין בריוו:

„סעם! מיין מאַן, מיין קינד היט. איך גיי... היט מיינע אויגן, מיין האַרץ, מיין נשמה, מיין לעבן, היט, היט, היט."

בלוילאַכע, גרינלאַכע, רויטלאַכע רינגען האָבן זיך אַרום אַלץ אַרומגעדרייט. רעגנבויגן קאָלירן האָבן איינגעוויקלט יעדע פייער ליכט פון זייטיגע פענצטער.

„פאַרזע ניט דעם קינד..."

פּרואווט ער ווייטער לייענען. העק, קלעפּ דערפילט ער אין זיינע פיס. דער אונטערשטער האַלבער קערפּער, שטיין, מאַרמאָר, בויגט זיך, ברעכט זיך ווי אַ פעסטונג.

„פאַרזע ניט דעם קינד...“

„צוויי דאָלער האָב איך געליען ביים גראָסערימאַן — איינס נעם איך מיט, דעם צווייטן לאָז איך איבער פאַר דיר מיט'ן קינד אונטער די קאַט־גלאָז אויפ'ן בופיי, אויך דעם אַדרעס פון לאה'ן, פון מיין קוזינע אין די בראָנקס.

זיי געזונט.

היט, היט, מיין לעבן.

ל י נ ע“.

דאָס קינד איז געשטאַנען מיט פאַרשפּיצטע אויגעלאַך געקוקט אַרויף צום פאָטער.

„איי סווער פּאָפּאָ, נעקסט מאַנט...“

בערמאַן האָט זיך פון קינד'ס קול'כעל ווי פון אַ שווערן חלום אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ טיפן אָפּגרונט אַרויפגעהויבן, צוויי לענג־לאַכע טרערן האָבן אַנגעפילט דעם אונטערשטן טייל פון די אויגן. אַ ווייכקייט האָט אַ שטראָם געטאָן איבער'ן האַרץ. פון שכנ'ישע פענסטער האָבן ראַדיאָ נגונים אַריינגעשטראָמט צו אים אין האַרצן.

דאָס קינד איז געוואָרן מיד קוקנדיק אויף די פאַרשיידענע ענדערונגען אין זיין פאָטער. נאָך קיינמאָל פריער האָט דאָס קינד דעם פאָטער אַזוי שטאַרק ניט אָנגעקוקט.

„אָה, דזשי, איט איז סאָ לאָנסאָם היר“. האָט דאָס קינד אומ־גערודלדיק אַ זאָג געטאָן. „סאָ לאָנסאָם, איי קוד'ן סטענד איט...“

בערמאַן האָט זיך געכאַפּט. ער איז אַ פאָטער, אַ טאַטע. וואָס ס'זאָל ניט פּאַסירן, וואָס ס'זאָל ניט טרעפן, דאָס קינד מוז ווערן אָפּגעהיט, דאָס קינד טאָר פון קיין זאַך ניט וויסן, אפילו ווען ער

דאַרף ווערן טאַטע און... ביי דעם גערעדנק האָט בערמאַן ווידער אויפגעשווידערט.

— בי העפּי, מיין קינד. מיר וועלן באַלד עסן. — בערמאַן האָט גענומען זוכן אין אייז און טיש קאַסטן. מעסער, גאָפּל, לעפל האָבן פון אַ גלאָז כלי אַרויסגעקלונגען.

— גיי וואַש די הענט מיין קינד.

אין הויז האָט זיך אַ רודער געטאָן, די שטילקייט, די סומנעקייט איז איבערגעריסן.

צופּיל בעטן אַ קינד ס'זאָל פרייליכער ווערן דאַרף מען ניט. קינדער ווי גרויסע, דערוואַקסענע דערזעען זייער דינע פעדימלאַד פון גליק אין יעדן אומגליק, פרייד אין יעדע ליידער. מיט די „סי'ס", צי מיט „איי'ס" ווען די מאַמע וואָלט נאָך אין „מוטער'ס טאָג" איז סקול געקומען.

איצט איז דאָס קינד, דערווייל פון אַלץ פּטור. איז פּטור אַפילו אויסצוהערן אַן איבעריקן שטראָף וואָרט. האָט טאַקע דאָס קינד אוועקגעטאַנצט זיך וואַשן, כמעט זאַרגלאָז געלאָפן צום טיש פּראַ־ ווען דעם מאָלצייט. בלויז דער הונגער האָט צוגעטריבן מ'זאָל עסן מיט אַפּעטיט, דאָס ניט געוואוינליכע „אַוועגט־ברויט", דאָס ניט געוואוינליכע סאַפּער. אָבער אַפילו אין דעם האָט דאָס קינד געזען אַ סך „פאַן". ער האָט געגעסן ווי ער האָט געוואָלט, ווי זיין האַרץ האָט געגלוסט. איז אַ ציבעלע, איז קנאָבעל, ווי זיין חבר'ל דער איטאַליענער. אַ מאַמע וואָלט עס אים זיכער ניט ערלויבט. בפרט זיין מאַמע, וואָלט דאָס אים זיכער פאַרוועדט.

אין דער צייט האָט בערמאַנען פּשוט געשטיקט יעדער ביסען אין מויל. אַמערגסטן האָט ער זיך געפילט ווען ער האָט פאַרגעסן און אַ רוף געטאָן לינע'ס נאָמען... דאַמאָלט איז אים באַפאַלן אַ שרעק. עפּעס אַזא מין שרעק וואָס האָט אים ווי מיט אייז האַנט געשיקט ערגעץ ווייט, ווייט... מיט דער צווייטער געהאַלטן פעסט

ווי איינגעשמידט צווישן די לעבעדיקע. יעדער שאַרד אין הויז איז ביי אים געווען ווי אַ האַרמאַטן שאָס.

בערמאַן האָט אַזוי געטראַכט און זיך געשטיקט מיט׳ן ביסן. געקוקט אויפ׳ן קינד ווי זאַרגלאָז עס עסט. ער האָט דערפילט אַז די אָפּוועזנהייט פון דער מאַמען איז פיל מער ווייטיק פאַר אים ווי פאַר׳ן קינד.

מיט די גאַנצע קרעפטן האָט זיך בערמאַן געשטאַרקט פאַר־טרייבן די געדאַנקען. — ווי שרעקלאַך עס איז, איז דאָך אַלץ בע־סער וואָס דאָס קינד פאַרשטייט ניט, באַגרייפט ניט.. ווי גליקלאַך כ׳וואָלט זיך געפילט ווען איך וואָלט ניט באַגריפן, ווען פון מיין מוח וואָלט אַרויס די געדאַנקען פון אומקום — האָבן זיינע ליפּן אַרויסגעמורמעלט.

* * *

רעגן טראָפּענס, ווי באַנקע גלעזלאַך זיינען אויף די שויבן גע־שטאַנען. פענצטער ליכט האָבן אין זיי אַריינגעשיינט, און אומעדיקע מעלאַדיע האָט זיך פון ערגעץ ווייט שטראָמענדיק, וויברירנדיק געטראָגן צו בערמאַנ׳ס אויער און האָבן זיך אַריינגעצויגן אין בער־מאַנ׳ס האַרץ און איז מיט׳ן בלוט צעשוואומען אין אַלע גלידער. די אַדערן אויף זיינע הענט זיינען גרעבער, בייטשיקער און בלויער געוואָרן. שווערע זיפצן האָבן זיך געריסן אייגס נאָך דאָס אַנדערע פאַרזיגנענדיק אוי, אוי, אוי.

אויף וועמען קיינער האָט ניט געוואַרט

פון דעם באַנדל אַרבעט איז ליזע היינט ניט געווען שטאַרק צופרידן. די אומצופרידנהייט איז ניט געווען דערפאַר, ווייל זי וועט היינט ווייניקער אויסמאַכן, ווייניקער פאַרדינען. דאָס גראָד ניט, פאַר דעם האָט איר גאָר ווייניג געקימערט. פאַרדראָסן האָט איר נאָר, וואָס די אַרבעט איז זייער אַ „פריטיקלע": צו דער דרעס האָט זי געמוזט צוליגן קאַפּ, אַריינייען 36 שפּיצן פון אויבן אַרונטער און פון אונטן אַרויף!

ביי אַזאַ אַרבעט האָט שוין ליזע פון קיין אַנדער זאַך ניט גע־קענט טראַכטן, וועגן עפּעס אַנדערש ניט געקענט דענקען. איין ניט פאַרזיכטיקער איינהאַק, איין פּיק מיט׳ן שערל אין דער זייט, וואו די שפּיצן קומען אַריין, און — קאַפּוט מיט דער דרעס און אויך מיט׳ן טאָג אַרבעט. איבערהויפּט איז פאַר ליזע׳ן אַ שטיק אַרבעט, אין וועלכן דער גאַנצער קערפּער און גייסט מוזן אַריינגע־לייגט ווערן, ערגער ווי דער טויט.

ליזע איז שוין ווייט ניט קיין יונג מיידעלע. זי האָט שוין לאַנג, אַזוי סעזאָן נאָך סעזאָן, יאָר נאָך יאָר, פאַמעליך איבערגע־שפּרייזט די 25קער. אַרום די אויגן און אויפ׳ן שטערן האָבן זיך שוין, אונטער דעם פּאָודער און פאַרב, גענומען ווייזן דיקלאַכע קנייטשן. ווען זי פלעגט זיך פאַרטיפן אין דער אַרבעט אָדער גע־טראַכט וועגן עפּעס אַן אַנדער זאַך, למשל, וועגן אירע עלטערן אין דער אַלטער היים אָדער וועגן די היימישע חברים און חבר׳טעס

וואָס זי האָט מיט 12 יאָר צוריק איבערגעלאָזן אויף יענער זייט ים, אין דער אַלטער וועלט, האָט מען געקענט באַמערקן אַפילו שוואַרצלאַכע פלעקן אונטער די אויגן. אָבער דאָס האָט איר אויסזען ניט פאַרערגערט. פאַרקערט, אין די שוואַרצע פלעקן איז גראָד געלעגן אַ ציִענדער האַרציקער חן.

אָבער זעלטן האָט זי וועגן דעם געטראַכט. וועגן דער היים פלעגט זי נאָר קלערן, ווען ביילקע, די באָטן־נייערין, פלעגט אין דער שטיל אונטערברומען אַ האַרציק רוסיש וואָלגאַ־לידל, מיט וועלכע דאָס רוסישע פאָלק איז אַזוי רייך. ליזע פלעגט טאַקע אין שאַפּ און פאַר אירע פריינדינעס איבער׳חזר׳ן: „ס׳איז ניטאָ אַזאַ האַרציק פאָלק, אַזאַ נשמה׳דיקע שפּראַך, ווי די רוסישע!"

ליזע האָט דאָס רוסישע לשון ווייניק געקענט, בפרט איצט, ווען זי איז שוין אַזויפיל יאָרן אַוועק פון דער היים. פונדעסטוועגן, אַז זי גייט אַמאָל אין אַ טעאַטער אָדער אין אַ מואַווי, וואו עס ווערט פאָרגעשטעלט פון רוסישן לעבן אָדער געזונגען רוסישע לידער, וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד, ווערט זי מיטגעריסן, פאַלט אַריין אין איר יוגנט, אין איר קינדהייט. זי דערזעט דעמאָלט דעם סאָסנע־וואַלד, דאָס גרינע באַבלומטע פעלד, די היימישע מאַיאָווע וועטערן, דאָס טייכל, וואָס שלענגלט זיך ווי באַזילבערט אַנטקעגן דער זון; זי הערט דעם פויגל־געזאַנג אין פרימאָרגן און ווי די ווערבע־בלעטלאַך סוד׳ן זיך שטיל אַרום טייך ביינאַכט...

אָבער היינט האָט ליזע וועגן דעם אַלעמען אַפילו ניט געקענט אַ טראַכט טאָן. די מאַשינען אַרום האָבן זיך געריסן ווי ווילדע, ווי איינע די צווייטע וואָלטן געוואָלט איבערשרייען. נאָר איר מאַשין האָט לאַנגזאַם געציילט אַ שטאָך נאָך אַ שטאָך; פאַר איין מינוט האָט זי איר מאַשין ניט געקענט אַ לאָז טאָן. דאָס אויסלייגן און איינלייגען די שפּיצן האָבן די מאַשין אינגאַנצן געמאַכט צו שטיין.

ווערנדיק פּטור ווערן וואָס גיכער פון אַזאַ נודנער אַרבעט, איז איר שוין קיין זאַך ניט געלעגן אין זינען. זי וואָלט שוין געוואָלט

ניט נאָר זען די דרעסעס פּאַרטיק, נאָר אויך „געשיפּטע", זיי זאָלן אַרוים גאַנץ פון שאַפּ. וואָרים דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס „קוק מיך אָן און ריר זיך ניט צו".

ווענן איר אומגליקלאַכער ליבע מיט דייוו'ן האָט זי היינט יאָ געטראַכט. צוליב אים איז זי איינגעשפּאַרט אַן עלנדע אין שאַפּ. פריער צוגעזאָגט: היינט, שפּעטער, מאָרגן, ביז — איין גאָט ווייסט, אויב ער וועט שוין אַמאָל צו איר אַ געזונטער קומען. די לעצטע בריף זענען נאָך פייערדיקערע, אָבער די גזלנים, די דאָקטוירים גיבן שוואַכע האָפנונגען. איז ליזע אַ טרויערדיקע, אַ געער־גערטע, היינט אין שאַפּ געזעסן, ווי אויף שאַרפע שטיינער; זי האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. ס'איז איר געווען ניט צו שטייען, ניט צו זיצן. אַלע ווייל'ע האָט איר געהויבן פון שטול. עס איז איר אַריינגעפאַלן אַ געדאַנק: געננוג געאַרבעט, אַריינגיין אין וואַש־צימער, אַרומוואַשן זיך און גיין אַהיים — שוין געננוג געאַרבעט אין אַמעריקע! אָט איז בעסי, אין מיינע יאָרן, מיט מיר אויף איין שיף געקומען, האָט זי שוין אַ קינד, אַ בחור פון 15 יאָר. ס'איז אמת, זי גייט אויך אין שאַפּ, דערפאַר אָבער, אַז זי קומט אַהיים, קומט אַנטקעגן איר מאַן, איר קינד, און ימ'ען מיט פרייד צוגיסן זיך אין הויז. מ'רעדט, מ'דערציילט, וואָס דורכן טאָג איז פאַר־לאָפן. אָפטמאָל לייענט ער פאַר איר פאַר זיינע שאַפונגען, זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן. אַפילו ווען עס טרעפט זיך איר אַמאָל אַזאַ טאָג, מיט ניט קיין אַנגענעמע אַרבעט, דערציילט זי דאָס פאַר איר מאַן, און איר קינד זיצט דערביי, קוקט אַריין אין אַ בוך אָדער נעמט זיך צו דער פּיאַנאָ און שפּילט עפּעס, אַמאָל אַ פריילאַכס, אַמאָל אַן אומעטיקס — תמיד האַרציק, שטענדיק ליבלאַך, זיס...

אָבער איך, איינע אַליין, ווי אַ שטיין, אין אַ צימער. ניט איך צו קיינעם, ניט קיינער צו מיר — אַלע צופאָרן, אוועקגעמופּט, חתונה געהאַט. די מיסעס איז נישט קיין שלעכטע, זי פרעגט מיך אָפט, ווי איך פיל, וואָס איך מאַך. נו גיי דערצייל איר פון שאַפּ, גיי דערצייל פון מיין אומגליק מיט דייוו'ן, מיט אַ קראַנקן חתן;

גיי דערציייל ווי מען ווערט אויפגערעגט אין שאַפּ פון אַ באָס, פון אַ פאָרמאַן און אַמאָל אַפילו פון די אַרבעטער אַליין. גיי דערציייל פון אַרבעט, אין וועלכער מ׳דאַרף אַריינוועבן די נשמה מיט׳ן קערפּער צוזאַמען.

ניט קענענדיק טראַכטן, טראַכט זי פאָרט פון איר לעבן, און אַזוי גייך ווי זי קומט אַרויס פון וואַש־צימער אַן אַרומגעוואַשענע, אַן אָנגעפּאַודערטע, אַ צוגעקעמטע, גיט זי אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל. דער שפּיגל אין פוץ־צימער פון שאַפּ איז גראָד אַ גוטער, ער זאָגט איר, אַז זי איז נאָך ניט אַזוי פאַרעלטערט. דער שפּיגל, קען מען זאָגן, איז איר איינציקער חבר, איר איינציקער גוטער פריינט. ער גיט איר מוט און האָפנונג; וועסט נאָך לעבן און זיין גליקלאַך!

אַריינקומענדיג אין שאַפּ, דערזעט זי יאָסל דער פּרעסער.

— זעה נאָר, זאָלסטו לעבן, — שרייט ער איר אין אויער אַריין — דו שיינסט האָך היינט גאָר ווי אַ נייע!

ליזע בלייבט שטיין מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל און אַנשטאָט צו גיין אַהיים, זעצט זי זיך ווידער ביים מאַשין. איצט גייט ביי איר די אַרבעט שנעלער, בעסער. זי דערמאָנט זיך, אַז אַזעלכע טעג האָט זי זייט זי איז אין אַמעריקע שוין געהאַט אַ סך...

* * *

אַז דער גלאָק אין שאַפּ האָט אָפּגעקלונגען, די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז ליזע גלייך מיט אַלעמען אַראָפּגעפאָרן פון שאַפּ, פון 20טן עטאַזש, און מיט שנעלע טריט האָט זיך ליזע געלאָזן געהן אַהיים, אַהיים אין איר צימער, וואו קיינער האָט אויף איר ניט געוואַרט...

אַ פייגעלע פליט

אויבן האָט אַ מאַי זון געשיינט, אונטן האָבן גרינע גראָז די ערד באַדעקט. פון איין זייט האָט זיך פון זון אַ טייכל געשפּיגלט, פון דער צווייטער זייט האָט אַ ווייסע הייזעל אַרויסגעקוקט דורך גרין באַוואַקסענע בוימער. פון פאָרנט האָט זיך אַ נייער גרויער בריק איבער'ן טייך געצויגן, פון אונטן האָט אַ שמאָלער וועג געפירט טיף אין וואַלד אַריין.

פריינק איז היינט, ווי אַלע טאָג די לעצטע צייט, אויפגעשטאַנען נאָך דעם ווי זיין פרוי האָט צוגעמאַכט די טיר פאַר'ן אוועקגיין אין שאַפּ.

אַ גרויסע שמחה האָט היינט געדאַרפט זיין, ביי זיי אין הויז, היינט איז דער 11טער געבורטס טאָג פון זייער איין־איינציק געראָטן קינד. אָבער דאָס אַלטעגלאַכע פשוט'ע אַרבעטס־לעבן וויים ווייניק פון פרייד, וויים ווייניק פון מענטשלאַכן גליק, פון דעם אינ־ווייניקסטן, אינערלאַכן מאַמע־געפיל. וואָס ווייסט, אַ שטייגער, אַ נאַרישע, בייזע פאָרליידי פון אַ דרעס שאַפּ, פון מיסעס פריינק'ס היינטיגן יום טוב ?

— דו מוזט מאָרגן קומען אין שאַפּ ! דו הערסט ! — האָט פּיטשריצע, די פאָרליידי, איר נאָך נעכטן אָנגעזאָגט. — אַלע אַרבעט אין שאַפּ איז איצט „ספּעשלס", זיי מוזן „געשיפּט" ווערן זיי מוזן אַרויסגיין פון שאַפּ נאָך איידער זיי גייען אונטער די מאַ־

שינען... און זי וועט זיך מאכן א יום־טוב... — א וואַלקענדל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיסעס פריינקס בלאַסליך פּנים. —

— נו, מילא אז מען מוז איז דאָך ניט שייך — האָט מיסעס פריינק אין דער שטיל געענטפערט.

א גאַנצן וועג איז מיסעס פריינק געשטאַנען אַן אויפגעשטיקטע אין דער אונטערערדישער שטאָדט־באַן און געטראַכט: ווי גרייט מען עפּעס צו אויף מאָרגן אַז אַלץ זאָל זיין פּאַרטיק, אַז אַזוי גיך ווי זי וועט אַרויסגעבן די אַרבייט, וואָס זי האָט אופ'ן האַנט, זאָל זי קומען אַהיים, דערפרייען דעם קינד ,דעם מאַן און ס'זאָל טאַקע זיין אויף אַן אמת אַ שמחה.

— מאָרגן, אַז דו וועסט קענען, וועסט האָבן צייט, — האָט מיסעס פריינק אַן אָפּגעגעסענע, אביסל אַן אָפּגערוטע, געזאָגט צו איר מאַן, — זאָלסטו פאַרבעטן די בעט, אויסקערן די הויז, קויפן אַ באַקסל קענדי און מיט די ביסל פּאַר אַ יאַריגע קאָלירטע פּאַפּיר אַ דעקאָריר טאָן די ווענט.

אין הויז, כאָטש עס איז מאַי חודש, איז דער פרימאָרגן געווען אַ קאַלטער, פון קיין איין פענסטער איז די זון ניט אַריינגעקומען. האָט ער זיך דערמאָנט אַן זיין ווייב'ס נעכטיקן אָנזאָג פאַרבעטן די בעט, אויסקערן, קויפן קענדי, אַ דעקאָריר טאָן די ווענט און אויפשטיין מאַכן ברעקפּעסט, וועקשיקן דאָס קינד אין סקול דאַרף מען אויך. האָט ער זיך איינגענורעט, איינגעדעקט זיך מיט דער וויים־באַצויגענער קאָלדרע און זיך געטראַכט און גערעט אַליין צו זיך: מען דאַרף אויפשטיין, מען דאַרף אויפשטיין. אָבער באַלד איז דאָס קינד פון צווייטן צימער אַריינגעלאָפן צו אים אין בעט און מיט וואַרימע, גלאַטע קינדערשע הענטלאַך אַרומגענומען:
— פּאַפּאַ, היינט איז מיין געבורטסטאָג.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס דאָס קינד האָט אַרויסגע־זאָגט אַליין וועגן זיין געבורטסטאָג אין אַזאַ האַרציקן פאַר־שטענדלאַכן טאָן.

ביז איצט פלעגן דאָס טאַטע־מאַמע טאָן אַליין. דאָס קינד האָט נאָר אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דאָס פּאַפּירענע קריינדל אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ פענדל אין האַנט זיך אַראָפּגעלאָזן שפּילן מיט די קינדער אין גאַס. אָבער היינט איז ער שוין אַ מענטש. ווי ער רעט אַזוי ווי אַן ערוואַקסענער: פּאַפּאַ, היינט איז מיין געבורטסטאָג.

און פריינק דער טאַטע, דערמאָנט זיך, ווי מיט 11 יאָר צוריק, אין אַ זונטיק, איז זיין ליבע ראָזע אויפגעשטאַנען, די געבורטווייען האָבן איר אויפגעוועקט פון שלאָף, געלאָפן פון איין צימער אין צווייטן, ביז ער האָט איר אין שפּיטאָל אַוועקגעפירט, און אין 4 שעה שפּעטער האָט אַ פריש, ניי־געבאָרענע קינד געשריען אין דער וועלט אַריין, הו האָ, הו האָ. איצט איז דאָס שוין אַ מענטש מיט ווייסן, מיט פאַרשטאַנד, כאָטש לאַנג וועט נאָך נעמען ביז דאָס קינד וועט אַלץ ריכטיק פאַרשטיין, ריכטיק באַגרייפן. און ווער ווייס, טראַכט ער ווידער, צי איך אַליין וויים גענוג, צי איך אַליין פאַרשטיי גאָר אַלץ. און צי עס איז איבערהויפּט מעגליך אַלץ צו ווייסן און באַגרייפן. ווייל קיינער האָט נאָך ביז איצט ניט באַוויזן דעם זין פון לעבן, געבאָרן און פון שטאַרבן...

טראַכטנדיק איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע. ער האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פון בעט. דאָס קינד נאָך אים. טאַטע און זון האָבן אויף זיך גיך אַרויפגעצויגן די קליידער, טאַטע מיט איין קאַם, פאַרקעמט זיך די שוואַרץ געקרויזטע האָר, דאָס קינד די גלייכע בלאָנדע האָר. קוקנדיק אויפ׳ן קינד האָט פריינק ווידער גענומען טראַכטן: נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, טאַטע און זון וועלן זיין די זעלבע גרויס. איך און ער וועלן זיין די זעלבע הויך.

זיינען זיי ביידע געשטאַנען נעבן וואַסער קראַן. ביידע מאַגערע, כאָטש אויסערלאָך ווייסע, קלאָרע געזונטע קערפּערס. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אַראָפּגערונען איבער זייערע העלזער. די קערפּערס האָבן זיך אויסגעגלייכט, פריש, פריילאָך אין גאַס אַרונטער.

אָבער דאָ, אין גאַס, האָבן זיי, טאַטע און זון, זיך צושייט.

דאָס קינד איז פון שבני׳שע קינדערלאַך ארומגערינגלט געוואָרן און פארשוואונדן, און דער טאַטע איז געבליבן אליין...

זון, פרישע מאַי־לופט איז אַ גוטער סטימוליר מיטל פאַר די נערוון, — האָט זיך פריינק דערמאָנט וואָס אַ דאָקטאָר האָט אים געזאָגט. האָט עס אים טאַקע גלייך אַ צי געטאָן אין אַ דערבייאיקן גרויסן בראָנקס פאַרק.

— כ׳וועל נאָר, — טראַכט ער, — אביסעל אין זיך איינזאַפּן דאָס פרישע לופט, זיך אביסעל אָנוואָרימען אונטער אַ פולע קייל־אַבדיקע זון און דערנאָך וועל איך קומען אהיים, און אלץ טאָן פאַר היינטיקער שמחה, פאַר היינטיקן יום־טוב.

געקומען אין בראָנקס פאַרק, צווישן פעלד, וואסער, בוימער, גראָזן, בלומען, אונטער אַ פולע גלאַנציקע מאַי זון. פייגעלאך האָבן געצווייטשערט. דער לאָשצענדער ווינטעל, דער גערויש פון אַ ווייטן באַן־לויף, פון נאָך אַ ווייטערן שיפן און פאַבריק פייף, דאָס שאָרכן פון די גראָזן און בלעטער אויף די ביימען האָבן ווי צוזאמענגעשטעלט אַ מוזיק סימפאָניע.

אַן זונען־ליכט, אונטער עלעקטרישע באלייכטונג איז מיסעס פריינק, אַן אָנגעשטרענגטע, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך געוואָרפן איבער איר מאַשין. אַ נעטל, נאָך אַ נעטל; אַן ארבל, אַ קאָלנער, אַ זשום, נאָך אַ זשום מיט׳ן מאַשין — עס איז פאַרטיג אַ דרעס. אָט, אָט און מיסעס פריינק וואַרפט ארויס די גאַנצע אַרבעט פון „האָנט״. איר גרינער בלעכענער קאַסטן ווערט ליידיקער, דאָס פאַלן פון איר שערל צוקלינגט זיך איבער דער גאַנצער לייננ און ברייט פון שאַפּ.

— מיסעס פריינק! האָט רחמנות אויף זיך אליין, — האָט לאָרע נאָך אַ ניט לאַנג אריבערגעקומענע פון יענער זייט ים, געזאָגט. — לויפט ניט אַזוי. איר וועט נאָך חלילה קראַנק ווערן.

מיסעס פריינק האָט זיך נאָך שטאַרקער גענומען וואַרפן פון איין ספּעשל צום צווייטן. בליץ שנעל איבערגעהאַקט אַ ווייסן שטריק פון נאָך און נאָך אַ ספּעשל.

— אוי, טאַכטערקע, ווען דו וואָלסט געוואוסט מיין הויז, מיין לעבן וואָלסטו זיך ניט געוואונדערט. — מיין מאַן, אויסער וואָס ער איז אַ לאַנגע צייט אַרבעטסלאָז נאָך אַ ביטערן, פאַרצווייפלטן סטרייק, איז אַריינגעפאַלן אין אַ מוטלאָזער און מעלאַנכאָלישער שטימונג. קוקט נאָר וואו פויגעלאַך פליען. רעט ווענן זיין טרייד, ווענן זיין פאַך, מיט דערביטערונג. איך מוז אים העלפן. ער איז אַ גוטער, אַ ליבער געווען... ווען היינטיקער יום־טוב זאָל צוליב מיין זיין אין שאַפּ פאַרשטערט ווערן, וועט עס אויף אים נאָך ערגער ווירקן.

אַזוי רייִדנדיק, נאָך אַ דרעם אַרויסגעוואָרפן, נאָך אַ שטריקל איבערגעהאַקט...

— מיינע ספּעשלס, מיינע ספּעשלס! — איז פּיטשעריצע, די פאָרליידי, פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער געלאָפן אַ בייזע דורכ׳ן שאַפּ, — מיינע ספּעשלס, מיינע ספּעשלס!

— אַט דאָס מוז נאָך היינט פאַרטיק ווערן, היינט „געשיפּט" ווערן, — האָט דער צושניידער איר אין דער שטיל געזאָגט, אַנווייזענדיק איר אויף אַ פריש בלויען באַנדל. — גיך, גיך. דער באָס זאָל ניט באַמערקן. האָס האָט נאָך נעכטן באַדאַרפט געשניטן ווערן... איר פאַרשטייט, מיסעס פריינק... נאָך נעכטן, נאָך נעכטן...

מיסעס פריינק האָט אַנגעקוקט דעם צעשראָקענעם צושניידער. פאַרפאַלן, מ׳מוז דאָך אַ מענטשן טאָן אַ טובה. בפרט אַז קיין אַנדערער האָט דעם סטייל ניט געמאַכט. ניט ווייסנדיק וואָס פריער צו טאָן, וואָס פריער צו מאַכן, צי דעם אַלטן באַנדל, צי איצטיקן נייעם באַנדל, צי זאָל זי גאָר לויפן אַהיים, האָט זי נאָך האַסטיקער, נאָך געשווינדער, מיט׳ן גאַנצן אָנשטרענגונג פון איר 35־יאָריקן, פולן, באַוועגלאַכן פרויען קערפּער זיך געוואָרפן פון איין באַנדל צום צווייטן, צום דריטן.

אַז מיסעס פריינק איז ביים עלעוויטער געשטאַנען, אויף אַרונטערפאָרן פון 17טן עטאַזש, איז נאָך געווען אין מיטן טאָג.

איר מאַשין, איר בלעכענער קאַסטן האָבן ליידיקע געגלאַנצט אַנט־קעגן די עלעקטרישע באַלייכטונג.

פריינק, דער טאַטע, איז שוין אויך געגאַנגען אַהיים, אָן אַנגע־שיכורטער פון לופט, זון און פייגעל־געזאַנג. אָבער אָט האָבן צוויי פייגעלאַך לעבן אים זיך אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזן. ער האָט זיך ניט געקענט אָוועקרייסן, גענומען זוכן ברעקלאַך...

אַז פריינק איז אַהיים געקומען, האָט ער שוין געטראָפן זיין ווייב אין הויז. די בעט אַ פאַרבעטע, די הויז אַן אויסגעקערטע, די ווענט דעקאָרירט און אפילו אַ טאָרט אַן אויסגעבאַקענעם, אַ פרישן, מיט 11 רויטע, ווייסע און בלויע ליכטלאַך אַרומגעשטעקט.

— נו, מיין מאַן! — האָט מיסעס פריינק העלדיש אַ זאָג גע־טאָן צו איר מאַן. — מען קען זיך אויף דיר אַ סך פאַרלאָזן, — און מיט ליבע, גוטע מוטערליכע פייכטע טרערן אויגן געקוקט אויפ׳ן הויז, אויף איר מאַן און קינד.

— אוי, מיין ליבע ראָזע, — איז פריינק ווי אַ קינד איר צו־געלאָפן קושן.. — אין פּאַרק איז היינט געווען אַזוי שיין...

— אַ פייגעלע פליט, אַ פייגעלע פליט, — האָט ראָזע מיט אַ האַלב מוטערלאַכן און אַ האַלב שמערצלאַכן טאָן נאָכגעזאָגט איר מאַן, — אַ פייגעלע פליט, אַ פייגעלע פליט...

א פאַרלוירענער

— גוט־ביי, גוט־ביי. — האָט אים זיין פרוי אין דער שטיל, א צעקלעמטע, אָן אונגעכמורעטע געענטפערט, שטייענדיק אנגעבויגן איבערן בעטעלע מיט די ליפּן טאַפּענדיג די וואַרעמקייט פון קינד׳ס קעפּעלע. — גוט־ביי, גוט־ביי, האָט זי אינזיך נאָך געמורמלט איר שלים־מזל׳דיקן מאַן.

הערי, איר מאַן, האָט זיך שטיל אַראָפּגעטרעפּלט פון פינפטן עטאַזש, איבערלאָזענדיק אינטערזיך אַ אומעטיקע פרוי מיט אַן אויסגעמאַטערטן, פינצטערן פּנים און אַ קראַנקע קינד.

אין קאָפּ האָט אים גערווישט און געדרייט פון צו אָפּטן זיך אויפכאַפּן, פון ניט דערשלאָפן די נאַכט, פון דאָס סלעק און פון דאָס איצטיקע, אומזיסטע גאַנג אין שאָפּ.

— איך מוז זיך דאָך אָבער ווייזן, איך מוז זיך דאָך אָבער יאָוועז. ס׳איז דאָך אַ „דזשאַב״, אַ פּלאַץ, אַן אָרט וואו מ׳פאַרדינט אמאָל אַ פּאָר סענט, וואו מ׳מאַכט מישטיינס געזאָגט אַ לעבן — אַז דער „סיזאָן״ קומט... כ׳מוז גיין, אפשר, טאָמער, אַ גאַנצע וואָך געלעגן אין הויז... זיך געניאַנטשעט מיט די קינדער ניט געזען דעם שאָפּ... — האָט הערי טראַכטענדיק, זיך געבויגן פון קעלט.

אין גאַס איז איצט שטילער, מאַמעס און קינדערלאַך זיינען איצט אין שטוב. האָבן מורא פאַרן בייסיקן פראָסט. אויף די גאַסן אין די באַנען זענען נור מענטשן וואָס גייען אין אַ פאַראויס באַשטימט וועג... צו אַ באַשטימטן, אויסגערעכנטן צוועק...

הערי האט געטראכט וועגן איצטיקן ארויסגעווארפענעם אומ־זיסטן גאנג... ער האט געוואוסט מער ווי אין קארטן שפּילן וועט ער קיין אנדער זאך און קיין אנדער מענטשן ניט טרעפן... דער געדאנק, אז דאס הארץ קען אים נאך אמאל א צי טאן... האט אים גלייך גענומען שרעקן... — אויב איך וועל היינט נעמען א „האנט“, וועט עס זיין פון מיר א פארברעכן, א מיאוסער פארברעכן. — האט ער זיך אליין געשטראפט.

— א פרוי, א שוואכע, פלאגט זיך מיט א קראנקע קינד. ס׳קען נאך זיין מ׳זאל נאך דארפן האבן א דאקטאר, א גאנצע נאכט גע־ברענט ווי א פייערל און איך וועל זיך אוועקזעצן שפּילן... — האט הערי א טאפ געטאן דעם רויטן, פאפירענעם צענערל אין בוזים קעשענע.

— כ׳וועל נור ארויף א קוק טאן, א פרעג טאן און מארטש צוריק פון שאפ. גיין לייען געלט ביי שכנים פאר א דאקטאר און... האט ער זיך געפרואווט שטארקן אין געדאנק איבער זיין שוואכ־קייט. — —

הערי איז א שטילער, ניט קיין איבערגעשפּיצטער, מיטל יאָ־ריקער מענש, אריבער די פערציקער. אין די יארן ווען דער מענש הויבט אן גיין צוריק... ארונטער, נידעריקער, זינקען ביזן גרונט, זיך אויסמישן מיט די שטאפן און מאטעריאלן פון וועלכע וועלט און לעבן איז צוזאמענגעשטעלט. יונג איז ער נור אין פארהייראטן לעבן. איינגאנצן זיבן יאר נאך זיין חתונה... איצט דערפילנדיק אין הארצן דעם אומעדיקן צי, דעם שרעקלאכן רוף...

— צו שפּעט, צו שפּעט... האט זיך אינטער זיין באוואוסטזיין געשפּרייט א שרעקלאכער געפיל אין הארצן און אויף דער נשמה. — איצט זיך ניאנטשען מיט א פרוי און קינדער. דערצו מיטן אומ־געריכטן מורא׳דיקן דלות... — פארפאלן, מ׳מוז קעמפן! האט ער זיך דערמאנט אז זיין יוגנט סלאגאן. פרייוויליק טאר מען זיך ניט אונטערגעבן. מ׳טאר די שאנד, דעם ווייטיק ניט ארויפווארפן אויף א פרוי, אויף אומשולדיקע קינדער, פריינט און משפּחה...

מ׳מוז זיך האַלטן, שטאַרקן... דער געדאַנק האָט די לעצטע צייט פאַרנומען אַ היבש טייל פון זיין גיין סלעק צייט אין שאַפּ.

דער ווינט און דער פראָסט האָבן זיך געטאָן דאָס זייעריקע. אָפּגעפאַרבט, אָנגעבלאָזן די בלייכע, אויסגעדאַרטע קלאָוקס אַפּריי־טאָרשע באַקן, אָנגעטרערט די אויגן ווי סיי אויף וועלכן מענטשן וואָס גייט איצט אין גאַס. אַפילו אויף אַזעלכע וואָס גייט זיי מער ניט אָפּ, זיי פעלט מער ניט ווי אַ כאַפּ טאָן אַ ביסל פון פרישן לופטיגן פראָסט.

אין שאַפּ, האָט הערי געטראָפן דאָס וואָס ער האָט דערוואַרט, פּונקט דאָס וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. די מאַשינען, די טישן, די פּרעס־אייזענס. פאַרשטויבט, איבערגעקערט, איבער־געדעקט. קיין סימן, קיין זכר פון אַרבעט. אַלץ איז איינגעוויקלט אין טיפן שטויב, אין מורא׳דיקן ציטער. גלייך ווי דער שאַפּ וואָלט געשטאַנען פון אָנהויב וועלט באַשאַף פון קיינעם ניט באַרירט, פון קיינעם ניט אויפגעפּאַסט. ס׳זאָל ניט שטויבן, ס׳זאָל ניט ראָסטן. קיינער וואָלט ניט געזאָגט אַז אין דער „הויז“, אין דער שאַפּ, האָט אַמאָל אימיצער עפּעס געטאָן, אַז אין דער שאַפּ וועט מען נאָך אַמאָל נייען קלאָוקס... גיכער וואָלט מען געזאָגט אַז דאָס איז אַ „הויז“ פאַר ניט גוטע, פאַר טייוואָלים...

ביי הערין, האָט זיך איצט אַריינקומענדיק אין שאַפּ געיאָוועט גאָר אַן אַנדער געדאַנק, אַ לויף טאָן צום באָס, צו זיין ברויט געבער און אויס׳בטל׳ען אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ. — ס׳נעהערט אַביסל, אַ באָס, אַ שאַפּ, האַלט מענטשן און גאָר ניט. — קום נאָך אַלע טאָג אָנקוקן אים מיט די איבערגעדעקטע מאַשינעס.

אָבער פון דעם געדאַנק איז געוואָרן ווי פון די מערסטע אַנ־דערע געדאַנקען וואָס ווערגן זיך און שטיקן זיך אין אַרבעטער׳ס האַרץ... אין גוט מוט, אַ מאָל ביי אַ געלעגנהייט דערציילט מען זיך איינע די אַנדערע, די געפילן די איבערלעבענישן... גאַנץ אָפּט לאָכן זיי זיך אויס פון זיך אַליין, מ׳רופט זיך מיט צונעמען ווי אין דער אַלטער היים, אין די קליין שטעטלאַך פון גאַליציע, ליטע און פּוילן.

— זע נאר זע! דער פילאזאף איז דא. — האט זיך פון א ווייטן שאפ־ווינקל, א קול געלאזט הערן.

ארום א הילצערנע פארשפרייטע קאסטן זיינען זיך געמיט־לאך געזעסן נאר ארבעטער, מענטשן פון הערים טיף, אפשר א ביסל קליגער, איבערגעשפיצטער אבער דערפאר וויניקער עמפינדלאך, וויניקער פילבאר. זיינען זיי זיך געזעסן איינגעוויקלט אין דיקן פאפיראסן און ציגארן רויך מיט פארשווארצטע ציינער, פארגעלטע פינגער, פון שארן דעם געלט און דעם שטויב.

— ווארט, מיר'ן אים באלד א „טרים טאן"‚—האט זיך איינער אין דער שטיל אפגערופן, דער קול האט זיך צעזשומט איבער דער פוסטקייט און ליידיגקייט פון שאפ.

— אה ער, דער פילאזאף, וועט ניט שפילען. ער קען דען שפילען? — האבן חברה געוואלט אים א „ציי־טאן" אין דער „גיים". אין הארצן האבן זיי זיך געטראכט, אויב דער יאלד האט נור אפאר סענט... ס'וועט זיין שא, שטיל, קיינער וועט ניט וויסן, אפילו א האן וועט ניט א קריי טאן...

הערי איז א אויפגעקאכטער געווארן. אבער צוגייז, זעו, מוז ער. — איך טאר ניט ווייזן אז איך בין א טרום, ס'איז דאך קארטן. כ'וועל טאקי שפילן, אבער נור אויף א פאר, אויף קיניגער, אויף אייסעס, אויף אזיכערן וועג. ניט „רייזן", ניט איבער רייזן. ווען קומען די קארט שפיל איך, ווען ניט שלאגן זיי זיך קאפ אן וואנט מ'טן באס און מיט די קארטן.

— האלאו הערי! — גיט דער רויטער לואי א געשריי פארן באס אין די אויגן. — האסט שוין אפשר א דזשאב, א גאנצע וואך ניט געווען אין שאפ...

— לואי רויטער, וואס טוסטו, שלאף ניט, רייד ניט... האט זיך פון אלע זייטן געלאזט הערן. די ערשטע איים. — א־א־ניקל, א־א־ניקל, איין ניקל — האט לואי א קלונג געטאן מיט א זילבער־נעם האלבן דאלער.

— איך רייז, האָט כרעמזל דער אויבער פּרעסער גענומען שרייען, 20 סענט. — פאַרהאַלטנדיק דעם דילער, ער זאָל ניט פאַרוואַרפן די דריטע קאַרט. — מיט 15 בעסער. — האָט יאָזעף מיטן צעשטופּעלטן פּנים גענומען איבערמישן כרעמזלען.

לואי האָט אַ הויב געטאָן זיין אונטערשטע שפּיץ קאַרט. אַן איינס פון אונטן און פון אויבן ! ! ! !

— און איך, זאָגט דער רויטער לואי מיט אַ ניגון. — רייז דאָס און מיר זיינען „איוון" — האָט ער זיך קאַלטבלוטיק אַ קרים געטאָן, — דריי מאָל 15 און אַ ניקל. נאָט אייך דעם גאַנצן האַלבן דאָלער.

יאָזעף, ווידער איז געוועזן זיכער מיט זיינע קיניגער. דריי אייסעס ליגן אויפן טיש, אויפן קאַסטן הייסט עס — ווייל איך טאַקי זען צי דו, רויטער, האָסט אייסעס. — זינגט שוין אויף יאָזעף נאָר מיט אַן אַנדער ניגון. — רייז איך דאָס טאַקע נאָך אַ מאָל...

צו דער דריטער ליכטל... צום דריטן קאַרט, הייסט עס, איז שוין געלעגן אַריבער 3 דאָלער...

הערי איז געשטאַנען ווי געפּלעפּט. איין „גיים", איין שפּיל און ס'איז אַ טאָג „ווייידזשעס".

— גיט אים ניט קיין קאַרט ! — האָט יאָזעף נאָכן דורכפאַל מיט די קיניגער געשריען.

— וואַסי, וואַסי, זיין געלט איז קיין געלט ניט ? — האָט לואי קלוימערשט זיך אָנגענומען פאַר הערי'ן.

— גיט אים ניט קיין קאַרט, ער גייט נאָר אויף „שור טינג", ער נעמט אונז אַלעמאָל אויף זיכער... — האָט כרעמזל צוגעבאַמקעט מיט אַ באַהאַלטענעם, פאַרשטעלטן שמייכל.

— איך גיב אים אַ קאַרט. — האָט לואי איבערנעמענדיק די קאַרטן אין האַנט געזאָגט.

הערי האָט מיט שמחה און האַרץ קלאַפּונג אַ נעם געטאָן די קאַרט, פאַרגעסנדיק דאָס זיין פאַראיין האָט אים אויסגעליען אויף רענט, זיין ווייב'ס קוזינע אַ וואָך ווייידזשעס געגעבן און פון זיין

אייגענעם קאזין די 100 דאלער שוין באלד א יאר. ווער רעדט פון ווייב, פון קראנקן קינד... פארגעסן פון אלץ און פון אלעמען.

ניט שפילנדיק, ניט האבנדיק נאך אפילו אויסגעטאן די הוט און מאנטל, האט שוין הערי געהאלטן אין האנט אריבער 2 דאלער געוואונענע.

— נאך דריי דאלער און איך פאק זיי איין... אויב זיי זיינען שוין יא אזעלכע חכמים — האט הערי געטראכט.

— זע נור? די גאנצע טשענזש איז דאך ביי אים! — האט זיך איצט יאזעף נאך מער געבייזערט.

— אז זיי פאלגן ניט. — האט שוין טרילינג דער אונטער פרעסער וואס איז די גאנצע צייט קליימערשט געווען „אומפאר־טייאיש" אריינגעווארפן א ווארט. — זיי פאלגן דען?

— גיט אים ניט קיין קארט, ניט באדארפט פריער געבן!! האט זיך געריסן פון אלע זייטן.

דער בלאס בחורל, דער שיק אינגעל פון שאפ איז טאקי דעם מאל דורכגעלאפן מיט'ן קארטן געבן אויסמיידנדיק הערי'ן.

הערי איז געשטאנען א באליידיקטער. — גיט מיר א קארט! — האט הערי זיך געבעטן, א כאפ־טוענדיק א קארט מיט געוואלד.

א זיגרייכער שמייכל האט זיך באוויזן אויף אלעמענס פנימער, ווי ביי הערי'ן האט געציטערט די אונטערשטע ליפ, ווי זיין פנים האט זיך אויסגעקרימט.

— ס'געכאפט א פאר דאלער, לויף א היים. — האבן זיך חברה מיט אים גערייצט, וועלנדיק אים היציקער אריינציען אין דעם שפיל וואס מאכט פארגעסן אז אלץ און אלעמען.

— כ'האב שוין „פלענטי" ביי אייך פארלארן! — האט שוין הערי א שטארק אויפגעבראכטער, א באליידיקטער ארויסגעפראלט ווי גיט מיט זיין קול.

— איך האָב שוין געגוג מיינע פינפערלאַך און צענערלאַך.

— ווער, וואָס, ווען? — האָבן זיך אַלע אַ כאַפּ געטאָן.

— פאַראיאָרן געדיינקסט! — האָט ער געערדט צום אומ־פּאַרטייאישן טרילינג! — 25 דאָלער אין איין טאָג. — האָט זיי העֶרי איבערצייגט ווען, אַפילו אין וואָסער טאָג: אין טאָג פון סאַקאָ־וואַנזעטי הינריכטונג.

אזוי האָבן אים די שפּילער „געצויגן" און גערייצט.

העֶרי איז געשטאַנען אין סאַמע ברען. פון די צוויי דאָלער געוואונענע איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן. פאַרלאָרן האָט ער גראָד אויף גרויסע פּאָרן, אויף קיניגער מיט אייסעס. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט׳ן רויטן צען דאָלער ביל. צעשוואומען מיט׳ן געדיכטן קאָרטן רויך. ניט ווייסנדיק אַפילו אין וועמעס הענט זיין געליענער צען דאָלאַר ביל איז אַריינגעפאַלן. אַלץ האָט פּאַ־סירט אַזוי גיך, אַז ער האָט נאָך אַפילו הוט און מאַנטל ניט אויס־געטאָן... אַלץ מיט׳ן זעלבן אַפּלאַכערשן טאָן פון זיינע מיטשפּילער.

— גיט אים ניט קיין קאָרט, ער גייט נאָר אויף פּאָר׳ן. ער רייזט ניט אַפילו אויף אייסעס...

— כ׳האָב געזאָגט, גיט אים ניט קיין קאָרט! — האָט יאָסעף געשריען.

— אַז געלט שפּילט מען ניט... האָט אים דער רויטער לואי קלוימערשט פריינטלאַך געזאָגט.

— אַז געלט שפּילט מען ניט... — האָט טרילינג מעשה צדיק זיך געבייזערט.

העֶרי האָט זיך געגרונטעוועט אין די טיפסטע, פאַרבאָרגנ־סטע ווינקלען פון די קעשענעס. געזוכט אפשר האָט זיך ערגעץ פאַרוואַלגערט אַ ניקל, אַ דיים, כאָטש אויף קאַרפער, שעמענדיק אַפילו צו זאָגן, אַז ער האָט אַלץ פאַרלוירן. איצט האָט ער זיך

שוין פון אלץ דערמאנט. אפילו אז דעם טעם פון מאמעס מילך... דעם טעם פון טויט... גיין צו פריינט, משפחה, דערציילן — ס'איז סלעק, א קינד איז קראנק, מ'מוז האבן א דאקטאר.

אין דרויסן, אויפן גאס, האט דער פראסט געברענט. אלע זיינע געלאפן, געגורעט אין זייערע קליידער. נאר הערי איז געגאנגען איבערן גאס א פאנדערגעשפיליעטער, א דערהיצטער, געזוכט אין די קעשענעס. מער ווי עטלאכע פענים, וואס מ'האט ניט געוואלט נעמען אין דער „גיים", האט זיך ניט אפגעשטעלט...

דער קאלטער ווינט האט פון הערי'ס פנים די פארלוירנקייט ניט געקענט אראפבלאזן. אים האט געווארעמט און געהיצט. זיינע אויסגעדארטע ביינער האבן געברענט ווי טרוקענע העלצלאך אין א פלאם... געלאפן איבער די תמיד טומלדיקע „ביזי" ניו יארקער גאסן. זיך נאך געמוזט אפשטעלן ביי יעדן גאס איבערגאנג...

ארדענונג'ס היטער האבן אפגעהאלטן דעם אימפעט פון מענטשן, קארס, אויטאמאבילס, וועגענער. יעדן דורכלאזן אין זיין צייט, אין זיין „נעקסט" לויט נאכן פייערל־קאליר אויפ'ן טרעפיק.

ביי יעדן אפשטעל איז הערי פארצווייפלט געשטאנען און געטראכט: אזא פארברעכן, אזא מערדערלאכער פארברעכן! א שוואכע פרוי, קראנקע קינד... צען דאלער. צען דאלער! ניט צען, נאר צען מאל, צוואנציק מאל, דרייסיק, פופציק, הונדערט מאל צען!!! האט זיך ווי געציילט פאר זיינע אויגן...

גאסן, הייזער, מענטשן, אויטאמאבילס, אלץ האבן זיך ווי איינגעוויקלט אין גרינע, רויטע צען דאלער בילס...

— פארלוירענער... ! האט ער צו זיך אליין געשריען הויך אויפ'ן קול. די קאלטע, פראסטיקע גאס האט פארשלאגן זיין קול...

שטומע בליקן

דער מזווג־זווגים האָט מיך אויפגעפּאַרט מיט אַ מענטשן, וואָס פון זיין האַרץ גיסט זיך פּאָעזיע, ריינע אַרבעטער פּאָעזיע. אַ פּאָעט. איך זיץ מיט אים יעדן טאָג אין איין שאַפּ מאַשין נעבן מאַשין; ביים פּאַך — ביידע אָפּרייטאָרס. אַזוי האָט געוואָלט דער מזווג־זווגים, דער גאָט וואָס פּאָרט...

זעלטן ווען מיר הויבן אויף אונזערע אויגן. אונזערע בליקן זענען תמיד איינגעגראָבן אין דעם טונקעלן טוך, וואָס מיר שטעפּן. מיר מאַכן „קלאָוקס"...

ס'טרעפן אָבער אַמאָל אין שאַפּ פּאַסירונגען, וואָס רייסן אויף אונזערע אויגן און מיר קוקן זיך אָן... דער אַכצן מאַשינענדיגער געשטעל, וואָס לויפט מיט זיין צוויי און אַ האַלב פערדן־קראַפט, ווערט דאַן פאַר אונז פאַרשטומט...

ניט אַלע מאַשינען אַרום אונז אויפן געשטעל זענען פאַרזעצט. אויף מער ווי אַ העלפט ליגט אַ דיקער גרויער שטויב, ווי דער היינ־טיקער שאַפּ־לעבן, ווי אין דער היינטיקער צייט...

דערפאַר אָבער זעצן מיר פון זיך אַרויס די כחות און מאַכן די אַרבעט פאַרטיק אַליין, ווי פיינע, אַנשטענדיקע לייט... דער באָס האָט עס געוואָלט... און וואָס דער באָס וויל, דאַרפן מיר דאָך טאָן. בפרט קיין פאַרברעכן איז אין דעם ניטאָ. — פּונקט זיבן שעה... און די יוניאָן־קאַרטן זענען אויך „אַפּ־טו־דייט"...

מער ניט, אין גאַס, אויף אונזער בירזשע פינצטערט די נויט. די אַרבעטסלאָזיקייט איז גרויס, כאָטש ס'איז אין רעכטן מיטן פון סעזאָן, אין רעכטן ברען פון אַרבעטס־צייט. יוניאָן מיטגלידער מיט

גוטע אקטיוויטעט רעקאָרדס זענען הילפלאָז — קענען ניט קריגן קיין פּלאַץ, קיין מאַשין...

זיצן מיר שוין עטלאַכע טעג, זינט אַרבעט האָט זיך באַוויזן, מיט אומעט אין אונזערע ביינער, מיר ווייסן פון דעם, געהערט פון יענעם, וואָס האָבן ביז היינט נאָך גאָרנישט פאַרדינט... האָבן מיר דעם יוניאָן־פאַרטרעטער, וואָס האָט אונטערזוכט אונזער רעכט — אָפּגעוואונקען.

— ברודער, וואַרף אונז צו נאָך אַ פּאָר אָפּרייטאָרס, מיר זענען מיד און אַנדערע דאַרפן אויך לעבן.

דער יוניאָן־פאַרטרעטער, אַ מענטש אויך ניט לאַנג פון שאָפּ, מיט אַ טיף געקאַרבטן שטערן, כאַפּט גלייך אויף אונזער וואונק. אויף צו־מאָרגנס — זון שיינט.. צוויי אָפּרייטאָרס ביי אונזערע ביידע זייטן. ביי מיר פון רעכטס און ביי אים פון לינקס. זענען מיר איצט פיר אויף איין ברעג און פיר אויף דעם אַנדערן ברעג—אַכט... אין מיטן נאָך אַלץ אַ שטויביקע פּוסטקייט.

די ציינג אויף וועלכע זיי, די נייע צוויי אַרבעטן איז רויט ווי אַ סימבאָל, וואָס פּאָר אַ מענטשן, אַזאַ אַרבעט. אַזוי האָט דער קאָנטראַקטאָר־באָס געוואָלט. ס'איז „זיין" אַרבעט און זייער, אויף אַן אמת — „ערשטער טאָג"...

רויטיקן זיך בלייכע פּנימער ביי מאַשינען מיט עלעקטרי־שיין קעגן זייערע שוויים־פּייכטע שטערנס.

ס'איז זומער — הייס, רעאַלער זון־שיין, זון־ברען ביי די ברעגן פון ים און אויפ'ן פעלד. דאָ אָבער פאַרשטיקט און פאַרשטעלט אַ הויכע, טונקל־גרויע וואַנט פון אַן אַנדער „הויז", פון אַנדערע האַלב־פּוסטע פאַבריקלאַך, ווי אונזערע, אין דער וועלט־מעטראָ — ניו־יאָרק.

שטייען באַביקע שוויים־טראָפּנס אויף זייערע פּנימער, ווילן געפעלן באָס מיט גיכקייט. דאָס איינציגע וואָס באַסעלאָך ווילן היינט... דער פאַראַדאָקס פון אונזער היינטיקער צייט. גיך, אַ סך. די הויפּט זאַך מוז גיכקייט אַלץ פאַרשטעלן, דער וואונדער פון „ספּיד־אַפּ", מוז אַלץ פאַרשטופּן אין אַ זייט, אַפילו די גלאַטקייט

און גוטסקייט פון דער אַרבעט, — פון דער אַרבעט, וואָס איז אַזוי ווייניק פאַראַן.

ס'האָט ניט געהאָלפן. די זון, וואָס האָט פריער אויפגעשיינט אין אונזערעביידנס הערצער, האָט זיך געוואָלקנט. די צוויי מיטל־יאָריקע מענטשן מיט זייער לאַנג־יאָריקער אַפּרייטאָר־דערפאַרונג און מיט די גאַנצע אָנשטריינגונג פון קריזיס אויסגעצערטע קערפּערס, זיי האָבן דאָס גיכקייט־עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטן. ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע זיץ־ביינקלאַך און מיט די רויט־שטאָפּענע מאַנטלען אין די הענט זיך געשאַרט מיט ניט־זיכערע טריט צו די הילצערנע אָנגעשטאָפּטע דאַמעס. ווי דאָס האַרץ האָט זיי געזאָגט, האָבן זיי שוין מער קיין אַרבעט ניט געקראָגן, האָבן זיך ביי די מאַשינען מער ניט געזעצט.

די אויגן פון מיין אַנטקעגנדיקן שכן, מיין פריינט דער פּאַעט, האָבן מיך טיף אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זען מיין האַרץ. כ'האָב אים געענטפערט מיט'ן זעלבן טיפן בליק. פון די צוויי פאַרלאָזטע מאַשינען האָט זיך געריסן אַ שרייאיקע שטילקייט.

זיי האָבן ווי פאַרשעמטע מיט זייער שיקזאַל, געפּאַקט די געצייג אין אַ שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר. אויף זייערע פּנימער איז איצט געשטאַנען דער פאַרגליווערטער שוויים. זיי האָבן אויף אונז שטום געקוקט. די אַרבעט איז אונז געפאַלן פון די הענט. מיר האָבן ניט געפונען אויף דער קאָכיקער מינוט קיין פּאַסענדע טרייסט־ווערטער. זיי האָבן ווי שאָטנס זיך פאַרבייגעשלייכט אַרום אונז. מיר זענען ווי פאַרשטיינערטע געבליבן זיצן ביי די מאַשינען הילפלאָזע, דערפילנדיג די גאַנצע לאַגע אין וועלכער מיר לעבן...

דער טיר־גלעקל האָט אונז אָנגעזאָגט אַז די צוויי יוניאָן־ברידער, וואָס אונזער פאַרטרעטער האָט אַרויפגעשיקט, זענען שוין אויף דער זוניקער גאַס אַטעמענדיק דרויסענדיקע לופט... מיר האָבן זיך געטרייסט מיט דעם וואָס מיר וועלן דעם דאָזיקן שווערן איינדרוק פאַרצייכענען און איבערגעבן אויפ'ן פּאַפּיר, איך אין פּראָזע און ער, מיין שכן, אין אַ ליד.

אין פייער פון שאַפּן

(בילד)

פּערזאָנען :

מ אַ ק ס ט ש י י ס י ן , אַ אינטעלעגענטער אַרבעטער 40 יאָר אַלט.

ס ע ר ע , זיין פרוי, אַ שאַפּ אַרבעטערין, מיט 10 יאָר איינגער.

ס י מ אַ , זייער איינציקער זון, 10 יאָר אַלט.

מ י ס ט ע ר א ו ן מ י ס ע ס ג ו ד מ אַ ן , זייערע נאָענטע. באַקאַנטע און גוטע פריינד. שכנים, משפּחה און אַ דאָקטאָר.

צ י י ט : געגענוואַרט.

אָ ר ט : בראָנקס, נויאָרק.

פּראָלאָג :

קינדער קול :

אַלע קינדער האָבען ברידער, שוועסטער, אַ טאַטען, אַ מאַמע נור איך בין הפקר. האָב קיינעם ניט. ניט קיין ברודער, ניט קיין שוועסטער ,ניט קיין טאַטען, ניט קיין מאַמען און אַפילו ניט קיין אויפזעער. דער טאַטע, די מאַמע זיינען פאַרנומען יעדער מיט זיך. שטענדיק אומעטיק, הונגעריק און מידע. ריידן מיטן טאַטען זאָגט

ער „נייע צייט“ מיין קינד. ריידן מיט מאַמען זאָגט זי נישטאָ מיט וואָס צו ערציען.

דערווייל בין איך אַליין. איינער אַליין אויף דער גרויסער וועלט. ווען די זון שיינט, דער וועטער שיין איז די גאַס, ווען רעגען, שניי און שטורעם איז ווידער די גאַס. מענטשן! זאָגט מיר איך בעט אייך ווי קען אַ קינד לעבען אַליין, זאָגט מיר וואָס באַדייט טאַטענס רייד, „נייע צייט“.

אַ דומפּיגער אומבאַשטימטער קול:

אַליין איז די נשמה ריין.

אַ מענער קול:

דער אומעט, דער אומעט. די צייט איז לאַנג, און אומענדליך. לאַנג און אומענדליך פאַר דעם וואָס ליידט. ליידן זיינען פאַרשיידן פּיזישע און גייסטיקע. גייסטיקע ליידן זיינען גרעסערע, שווערע. דער העלר פון דער מעשה וועט אייך איבערציינגן, ווי זיין נשמה צאַפּעלט זיך, רייסט זיך וויל לויפן העכער, העכער פאַרשווינדן פון דער שוואַרצער ערד.

ער וויל לויפן וואו פייגעלאַך זינגן שירה צום באַשעפער פון אַלע וועלטען. וואו אמת הערשט, וואו ליבע פלאַקערט און שטענדיק יונג. ליבע אָהן גופים אָהן קערפּער׳ס פון פליש און בלוט. וואו אַ שניט מיט אַ שאַרף טוט ניט וויי, וואו מ׳הערט ניט קיין יאָמערגעשריי, פון פלאַגערניש אַלערליי...

דער קול פאַרשטומט.

(סצענע פון ערדישן לעבן.)

דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף.

די בינע שטעלט פאָר אַן אָרעמע פּראָגרעסיווע אַרבעטער שטוב. ס׳איז פינסטער, עטוואָס בלייכע ליכט פאַלט פון אַ פענסטער לינקס. ביים פענסטער שטייט אַ פאַנאַנדער געוואָרפענע בעט. רעכטס אַ שראַנק מיט ביכער. אַרב ביי וואַנט אַנטקגן וואָס פירט צום אינטערגרונט אַן אַלטמאָדישער בופעט מיט צוויי לייבן. עטליכע קונסט בילדער הענגען אויף דער זעלבער

וואַנט. אין מיטן שטוב אַ קײלאַכדיקער טיש מיט 4 וואַקלדיקע שטולן באַצייגן מיט ברוינעם לעדער. אַלץ איז צו וואָרפן שיך אויף דער אויפ־געבעטער בעט, זאַקן אויפן טיש צווישן די אָנגעוואָרפענע זאַכן אויפן טיש אַ בוך, אַ ווייסער העפט פּאַפּיר אַ פען שטעקט אין אַ טינטער די טישטאָך האַלב אַפּגעדעקט און אויפגעדרייט. פון אַ זייטיקן צימער לינקס הערט זיך אַ האַסטיקער קלינגען. דער גלעקל רייסט זיך, אָבער אין שטוב איז קיינער ניטאָ ווער ס'זאָל ענטפערן.

ס י מ א (מיט קינדעריש צעוואָרפענע שוואַרצע העָרלאַך, גרויסע בלויע אויגען, רייסט זיך אומפּעדיק אַריין. דער קלינגען הערט אויף. ער גיט אַ דריק דעם עלעקטרישן קנעפּל, אין הויז ווערט ליכטיג פון די 5 לעמפּלאַך אויפן ,סופיט צינדן אָן 3 ס'ווערט ליכטיק און אונטער די ליכט דערזעט זיך די אָרעמקייט, דער דלות נאָך גרעסער, די אומ־אָרדענונג אין הויז נאָך בולטער, טינט פלעקן, אָפּגעברענטע שטיקלאַך פּאַפּיראָסן אויפן טיש, אויפן טישטאָך.) — נאָך קיינער ניטאָ...

(פרופט פאַרמאַכען, אויפלייגן די בעט, ער צעקלאַפּט די האַנט.)

ס י מ א : — אַה דזשי, (פּאַכט מיטן הענטל אין דער לופט, שפּרינגט אויף איין פיסל.) אַז מאַ וועט קומען מוז איך איר זאָגן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אימיצער מוז מיט מיר זיין אין שטוב. קיינעמס מאַמע גייט ניט אין שאָפּ ! (בלאָזט אויפן הענטל, די בעט פאַרמאַכט זיך מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ, דאָס קינד דערשרעקט זיך אַרויס־לויפענדיק מיט אַ געשריי.) — אַה דזשי !

אונטערן טיר הערט זיך אַ צאַרטער מענער קול, מיין קינד, מיין סימאַ, וואו לויפסטו, וואָס איז געשען.

קינדער קול : — איך קען ניט און וועל ניט זיין אַליין אין שטוב אַפילו אַ מינוט. „יול סי" און וועל ניט פאַרמאַכן די בעט.

מענער קול : — מאַמאַ נאָך ניט געוועזן ?

קינדער קול : — אַה דזשי ניט געוועז, ניט געוועזן !

מענער קול : — שריי ניט, קינד מיינס, ליבינקער מיינס.

קום אַריין אין שטוב. (ס'עפענט זיך די טיר, אַ מאַן מיט גרויע האָר

אַן איינגעצייגענער פינסטערער פּנים מיט שפּאַקולען אויפן נאָז פון וואַנען עס זעט זיך אָפּאָר צושראָקענע קורזיכטיגע אויגן. גלעט דאָס קינד, טאַפּט די צעקלאַפּטע הענטל.)

ט ש י י ס י ן: (צום קינד.) — גאָר ניט, ס'איז גאָר ניט. (גיט אים אַ קוש און דאָס קינד לויפט אַפּ, זוכט עפּעס אונטערן בעט. טשיי־סין נעמט אַראָפּ די הוט, ווישט די שפּאַקולן, כאַפּט אַ קוק אויפ'ן העפט, גיט אַ בלעטל.)

ס י מ א: (הויבט זיך אויף מיט אַ פּילקע אין האַנט, קוקט אויפ'ן טאַטענס פּנים, אויף זיין צופרידענעם שמייכעל.) — עסען פּאַפּאַ, עסען, איך וויל עסן. (וואַרפט די גומע פּילקע אויפן וואַנט.)

ט ש י י ס י ן: (אַליין צו זיך) עס לעבט, אַ מייסטערשטע בילד. ווער קען נאָך אַזוי שילדערן דעם אָרעמען פינסטערן אַרבע־טער לעבן. ניט טאָלסטוי, ניט דאָסטיעווסקי און ניט אַפילו מאַקסים גאָרקי. זיי האָבן ניט געשקלאַפּט ווי איך אין שאָפּ, צוואַנציק יאָר ביז היינטיגן טאָג וואָס איך בין אין אַמעריקאַ. צוואַנציק יאָר אין אַ קלאָוקס שאָפּ. אַזעלכעס האָט געקענט דערווייזן אַ מאָרים ראָ־זענפעלד, א. ז. ליבין א. ב. באַטווינִיק אָבער נאָר ווען זיי זיינען געגאַנגען אין שאָפּ...

ס י מ א: — פּאַ, פּאַ, פּאַ!

ט ש י י ס י ן: (פאַרזונקען אין זיך אין זיינע געדאַנקען אין זיינע רייד) — אָה מיין קינד, מיין לעבן, סימא דו רופסט מיר? ...

ס י מ א: — (מיט כעס) איך וועל דערציילען מאַמען נור דו שרייבסט, נור דו לייענסט, דו וועסט זען זי וועט צערייסן, איך וויל עסן, עסען, עסען וויל איך!

ט ש י י ס י ן: — שאַ מיין קינד אַט גיי איך, אַט קומט מאַ, (קען זיך ניט אָפּרייסן בלעטלענדיק דעם העפט. דער גלעקל קלינגט. טשייסן און סימא לויפן צום טיר.)

ס י מ א: — מאַ, מאַ, מאַ!

ט ש י י ס י ן: סערע, סערע: (קערט זיך אום דעקט צו דעם העפט, פּרופט אַ ראַם טאָן דעם טיש.)

סערע, אַ פרוי פון יונגן אויסזען מיט אַ סאַרקאַס שמייכל, קוקט אויף אַלעמען ווי אויף פּאַראַזיטן אויף איר קינד, אויף איר מאַן. אַלץ שפּיגלט זיך אין אירע שוואַרצע אויגן אַלץ לייגט זיך אויף איר בלאַסליך פאַרמאַטערט פּנים, זי טראָגט אַ ברוינעם פּאַפּיר זאַק מיט שפּייז, האַטעמט שווער, טשייסין פּרופט ביי איר צונעמען, אָבער זי שטויסט אים אָפּ.

ט ש י י ס י ן: (צו סערען) וואָס איז דער מער, וואָס איז געשען.

ס ע ר ע: (אָנגעצויגן פון שאָפּ, פון געדראַנג אויף דער סאָבוויי. פון אַרויף קריכען אויפן 5טען עטאַזש.) לאָז מיר צורו! (זי זעצט זיך אויפן בעט לאָזט אַרונטער דעם פּאַפּירענעם זעקל.)

ס י מ א: — איך וויל עסען, איך וויל ניט זיין אַליין אין שטוב, אַלע האָבן ברידער, שוועסטער און איך אַפילו ניט מאַמען אין הויז, קיינעמ׳ס מאַמע גייט ניט אין שאָפּ...

ס ע ר ע (איגנאָרירנדיק דעם קינד׳ס רייד) — ווען איך קום אינ־גאַנצן ניט וואָלט איר געלעגען ביזן האַלז אין בלאָטע. (זי נעמט זיצענדיק אַרונטער איר מאַנטל, קוקט בייז...)

ט ש י י ס י ן: — איך קום נור וואָס פון שאָפּ... פון שאָפּ וואו דער חורבן פון „לינקס" און „רעכטס" איז אַזוי גרויס. ניט קיין אַרבעטס טאָג, ניט קיין וויידזשעס, ניט קיין רעספּעקט...

ס י מ א: — יאָ מאַמאַ, נור וואָס פון שאָפּ... שוין דריי הונ־דערט מאָל איבערגעבלעטעלט דעם העפט — (לויפט צום העפט ברייננגט עס מאַמען, מאַכט אַ מינע צום פאָטער.) — כ׳האָב געזאָגט כ׳וועל זאָגן מאַמען... (דער גלעקל קלינגט. אַלע דריי): — ווער קען דאָס איצט גיין, אַזוי שפּעט, נאָך ניט געגעסן, ניט אויפגעראַמט...

מ י ס ט ע ר א ו ן מ י ס ע ס ג ו ד מ א ן: (פון יענער זייט טיר) מיר, מיר, מיסטער און מיסעס גודמאַן:

(מיסטער און מיסעס גודמאַן מאַן און פרוי אין די יונגע יאָרען. פון שיינעם געזונטען און קלוגען אויסזען. מיט האַרציקע ליבע שמייכלען אויף זייערע געזיכטער.)

מ י ס ע ס ג ו ד מ אַ ן : — מאַנכעס מאָל פיל איך אַ כעס אויף אייך מיסעס טשייסין וואָס איר האָט פאַרמאופּט אַזוי ווייט...

מ י ס ט ע ר ט ש י י ס י ן : (שמייכעלט) — אַבי איך האָב גע־מיינט אַז קיינעם פעל איך ניט, קיינער דערמאָנט זיך ניט אַהן אַז אָרעמען פריינט, וואָס זיין ווייב גייט אין שאָפּ...

מ י ס ע ס ג ו ד מ אַ ן : — אָה גלויבט מיר אייער פרוי דאַרף גאָר ניט גיין אין שאָפּ, איר פאַרדינט אַזוי פיל ווי מיין מאַן, ער אַרבעט ביי דעם זעלבינן „קלאָגעדיקן״ טרייד, ביי די „קלאָגעניש״ ווי איר...

מ י ס ט ע ר ט ש י י ס י ן : — נייע, פרייע, צייטן . . . מ׳וויל זיין זעלבסטשטענדיק פון מאַן, האָט מען ניט קיין קינדער... לעבט מען אויפן ווינט... וואַלגערט זיך אַן איינציג קינד אין גאַס...

מ י ס ע ס ט ש י י ס י ן : (צו איר מאַן) — שווייג זיך צע־רעדט, ס׳געפעלט דיר ניט, גיב מיר אַנדערע פלעזשור וועל איך ניט גיין אין שאָפּ... (אַלע לאַכן.)

מ י ס ע ס ג ו ד מ אַ ן : (צו מיסעס טשייסין קוקענדיג אויפן העפט) איר האָט עפּעס אַ שיינע מעשה, לייענט, איך גלייך אַזוי אייער שרייבן...

מ י ס ט ע ר ג ו ד מ אַ ן — (צו מיסעס גודמאַן) לאָז צורו זיי האָבן דאָך נאָך ניט געגעסן.

מ י ס ט ע ר ט ש י י ס י ן : — איך בין ניט הונגעריג, אַזוי איר גלייכט מיין שרייבן ?

מ י ס ע ס ג ו ד מ אַ ן : —וואָס רעדט איר מיסטער טשייסין איך האָב נאָך אייער בריוו פון קאַנטרי, די פאַרמערקע האָט זיך געוואָלט מיט אייך באַקענען און זיך דורך שרייבן מיט אייך. און... וואָס ווייסט איר ווי פיל מאָל מיר האָבן אייער בריוו געלייענט.

„אַזוי פיל האַרץ, אַזוי פיל נשמה" האָט די פאַרמערקע געזאָגט, ס'מוז זיין אַ מלאך ניט קיין מענטש...

מ י ס ע ס ט ש י י ס י ן : — ווען מיין שלים־מזל רעדט איר דאָס,

מ י ס ע ס ג ו ד מ אַ ן : — כ'לעבן איר זינדיגט...

ט ש י י ס י ן : — איך האָב איצט עפּעס אָנגעשריבען, אָבער איך ווייס ניט צו איר וועט עס פאַרשטיין, כ'מיין דערפילן... דאָס איז פּשוט די נשמה פון שאָפּ, אירע פריידן און ליידן. (לייענט) איבער דעם לייננ און ברייט פון שאָפּ האָט זיך געטראָגען בעסים האַרציקער געזאַנג, זיך אויסגעמישט מיטן מאַשין געדויש, מיטן שערן קלונג, מיט אייזן קלאַפּ. פּלוצלונג האָט זיך דער שאָפּ אָנגע־פילט מיט רויך און פייער...

מ י ס ע ס ט ש י י ס י ן : — אַה, גענוג, גענוג איך קען דאָס ניט הערן.

מ י ס ט ע ר ט ש י י ס י ן : (באַליידיקט און בלאַס.) קענסט ניט הערן? (צו מיסעס גודמאַן) ווי יעדער האָט געפילט און וואָס יעדער האָט געטאָן. אַ „גרינער" בחור'ל האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, ווי איינע האָט געשריען מאַמע, אַ צווייטע מיין קינד, מיין איינציקע קינד. איינער האָט סתם געשריען און זיך געריסן צום פענסטער און ווי אַ יונגערמאַן האָט זיך געריסען די קליידער. דאָס שענסטע שפּאַס ווי דער באָס איז אַרום געלאָפן, מיטן „סעמפּל" אין האַנט...

מ י ס ע ס ג ו ד מ אַ ן : (צו מיסעס טשייסין) — איר זייט אַ מאָדנע, וואָרום לאָזט איר אים ניט לייענען. (מרס. טשייסין פאַר־שטעלט די אויערן און איז אויפגערעגט.)

מ י ס ע ס ט ש י י ס י ן : (צו מיסעס גודמאַן) וואָס ווייסט איר מיין אומגליק, וואָס ווייסט איר מיין פּלאָגעניש, וואָס ווייסט איר מיין געמאַטערט לעבן. איך זאָג אייך ווען ס'טרעפט אויף אַן אַנדער'ן וואָלט ער געקריגן מיט עפּעס אין קאָפּ, נור דאָס האַלט אין איין טענטלען, שרייבן און מעקן. אָט ווי איר קוקט אים אָן

האָט ער רואינירט מיין יוגנט, מיין לעבן. (וויינט היסטעריש.)

מיסטער טשייסין: (נאָך בלאַסער צעשראָקענער ווי פריער) — איך טו קיינעם קיין שלעכטס ניט. האָב קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, בפרט אַן אויגענע פרוי און קינד. זי האָט געוואָלט זיין פריי פון הויז, לויפן מיט דער „נייער צייט"...

מיסעס טשייסין: (גיט זיך ווילד אַ וואָרף כאַפּט דעם עפּט און צערייסט אים. לאָזט זיך אַרונטער מיט אַ שרעקליכן קוויטש.)

שכינים, משפּחה: (האַלב נאַקעטע, צעשראָקענע. ס'הערט זיך אַ טרעפּלען פון נידעריקע פלאָרס) — וואָס איז דאָ, וואָס האָט פּאַסירט?...

מיסעס טשייסין: (בלייבט שטיל...)

מיסעס גודמאַן: — אידן, מענטשן זי חלשט!...

(בויגט זיך אָן צו איר. ווענדט אָפּ איר קאָפּ שרייט צו די אַרויינגעקומענע צו איר מאַן און צו מיסטער טשייסין.) — גוואַלד ראַטעוועט, רופט אַ דאָקטאָר!

סימאַ: (פאַלט צו צעשראָקען, וויינט.) — מאַ, מאַ, מאַמאַ!!!

דאָקטאָר: (אַ יונג באַברילטער מאַן אין טונקעלע קליידער מיט אַ פּאָרטפעל אין האַנט. וואַרפט אַראָפּ זיין הוט און מאַנטעל, שטעלט דעם פּאָרטפעל אויפן אָרט פון צעריסענעם העפט) — איר וועט מיר ענטשולדיגן, כ'מוז בלייבן מיט דער קראַנקער אַליין...

מיסטער טשייסין: איך אויך?...

דאָקטאָר: — ליידער...

מיסטער גודמאַן: (צו מיסעס גודמאַן אין דער שטיל) — איך האָב דיר געזאָגט...

מיסטער טשייסין: (כאַפּט אין איין האַנט דעם צעריסענעם העפט מיט די צווייטע דעם קינד און פאַרלאָזט גלייך מיט אַלעמען דאָס הויז.)

דאָקטאָר: (פּרופט אויס זיינע געצייג.)

סימאַ: (פון יענער זייט טיר.) מאַ, מאַ, מאַמאַ...

פאָרהאַנג פאַלט, לאַנגזאַם.

זעכצן יאָר

(געווידמעט דעם קלאָוקס סטרייק פון 1926)

פון 1910 ביז 1926 איז זעכצן יאָר. זעכצן יאָר יוניאָן, זעכצן יאָר בלוטיקער קאַמף פאַר אַ שטיקל ברויט צו דערהאַלטן דאָס לעבן!

זעכצן יאָר יוניאָן, זעכצן יאָר פּירערשאַפט, פראַקציעס, אָפּאָזי־ציעס און צדדים, צו פאַרבעסערן, פאַרשענערן און פאַרגרינגערן אונזער לעבן, דעם לעבן פון די קלאָוקמאַכער.

נעמט דעם קלאָוק אָפּרייטאָר. גיט אַ קוק אין זיין פּנים. מען קאָן דאָך אים דערקענען צווישן טויזענטע אַנדערע אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן.

ביי וועלכן נאָך אַרבעטער ליגט אויסגעגאָסן אויפ׳ן פּנים און אין די אויגן אַזוי פיל צער, אַזוי פיל אומעט, אַזוי פיל שרעק פאַר׳ן היינט, פאַר׳ן מאָרגן, פאַר׳ן סיזאָן, פאַר׳ן סלעק?

זעכצן יאָר נאָך דער קאָלאָסאַלער, שטורמדיקער רעוואָלוציע אין קלאָוק טרייד פון 1910.

זעכצן יאָר אַריינמישונג, אַנשטרענגונג אויך פון זייטיקע מענטשן: געזעלשאַפטלאַכע טוער, זאַגאַר קאַפּיטאַליסטן, ווער־רעדט שוין וועגן פילאַנטראָפּן און רעפאָרמער. אַלע האָבן געזוכט צו פאַר־בעסערן, פאַרמענטשלאַכערן אונזערע לעבנס־באַדינגונגען.

ווער האָט עס שוין ניט געפּרואווט טאָן? דזשאָרדזש בראַנדעס, לואיס מאַרשאַל, דער פאַרשטאָרבענער דזשייקאָב שיף, און צו לייענגערע יאָר, אונזער גאָווערנאָר, אַל. סמיטה, און פילע צענדליקע אַנדערע, אויף פאַרשידענע אופנים. אָבער אַן ערפאָלג. עס איז געגאַנגען פון שלימער צו ערגער...

אַלץ, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן, איז ווי אַ טראָפּן אין ים.

זעכצן יאָר! מיר האָבן שוין באַלד אויפגעהאָדעוועט און ער־צויגן אַ נייעם דור; זיי זיינען שוין אויסגעגענגען סקולס, קלענערע און גרעסערע. זיי האָבן געלערנט „אַמעריקאַניזם“, דזשענטל־

מענישקייט; זיי האָבן אויך געלערנט די אינדעפּענדענטקייט, דעם חוש פאַר פרייהייט, פאַר גלייכהייט. זיי ווייסן פון רעוואָלט געגן שקלאַפעריי. אויך זיי וועלן באַלד דאַרפן קומען אין שאַפּ. און זיי צו שיקן אין אַזעלכע שעפּער, אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, איז אַ שמאַד און אַ שאַנדע.

מיר מוזן איצט ווייזן אונזערע קינדער און דער גאַנצער וועלט, אַז די זעכצן יאָר קאַמף האָבן אונז ניט אויסגעמאַטערט. מיר זיינען שוין געוואוינט מיט'ן הונגער, מיט'ן דלות. מיר מוזן ווייזן, אַז ניט נאָר האָבן מיר זיך געדרייט אין אַ פאַר'כשופ'טן ראָד — אַלע טאָג דער געשריי פאַר באַנדלס; און ניט נאָר דער אָפּרייטאָר, נאָר אויך דער שניידער, דער פּרעסער, דער קאַטער, דער סעמפּל מאַכער, דער עקזאַמינער, אַפילו דער דעזיינער, דער פאַרפאַסער פון „סטייל", פון מאָדעס. פילן זיי דען ניט אַלע ווי אויסגעמאַטערטע, אויסגעשפּילטע און פאַרצווייפלטע?

קאָן מען דען אויסשטעלן אַזאַ ביהנע, צו ווייזן דעם פינצטערן קלאָוקמאַכער לעבן?

גייט, קוקט אָן דעם קלאָוקמאַכער אין די יוניאָן אָפיסעס, אין זייערע וואוינונגען, אויף די „בירזשעס", אַפילו אין דעם גרויסן, נייעם, מאָדערנעם „גאַרמענט סענטער". אויך דאָ מאַכט מען קלאָוקס אין שעפּער, וואָס איז ווי אַ שלאָף צימער.

קיינער פון אונז איז דאָך זיכער ניט שולדיק וואָס נאָך זעכצן יאָר פאַרצווייפלטן קאַמף, זיג און געווינסן, האָבן זיך אין דער קלאָוק אינדוסטריע אַריינגעכאַפּט „דזשאָבערס". איינער שיקט אונז צום צווייטן. דער „סאָב" צום דזשאָבער, דער דזשאָבער — צום טייוול...

אָבער די זעכצן יאָר לעבן, קאַמף, רייצונג, געדולד און אויסדויער וועט אויסשמעלצן איין האַרץ, איין געפיל פון אייניקייט, פון שטאַרקייט, פון זיכערקייט. און פון אַלע הענט וועט זיך אויסגעלעכטן איין גרויסער, מעכטיקער, ריזיקער פויסט, וואָס וועט צעשמעטערן, פאַרניכטן אַלץ וואָס איז פאַלש, דעם שווינדל און די שקלאַפעריי... דעמאָלט וועט עס זיין אונזער לעצטער סטרייק!

"ADJUSTED WORKER"

אַלץ איז שאַפּ האָט ווידער אויפגעלעבט.

נאָך זעכצן וואָכן סטרייק, פּיקעטן, אַרעסטן, הונגער און נויט — האָבן די אַרבעטער זיך גענומען צו זייער געצייג: רייניקן די פאַרשטויבטע און פאַרראָסטעטע מאַשינען, ווישן די בענקלאַך און טישן. דער טיפער גרויער שטויב האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. אַרום אַ זון־שטראַל האָט זיך דער שטויב ווי אַ בלויער רויך געוויקלט.

דורך דער צייט פון סטרייק איז אַפילו דער באָס מאַגערער געוואָרן... אויך אויף זיין פּנים איז געלעגן דער אומרו פון זוכן און טראַכטן. די שרעק פאַר דער יוניאָן, די מורא פאַר'ן אַפּרייסן זיך פון זיין אַסאָסיאיישאָן, דער טרויער פון אומקום — האָבן אויך אויף זיין שטערן טיפערע קנייטשן אויסגעלייגט.

צווישן די אַרבעטער שמועסט מען: משפּחה האָט צוגערעט מ'זאָל סעטלען מיט דער יוניאָן. אַגב האָט דער באַלעבאָס געקראָגן אַ זעלבע עצות פון זיינע נייע „פּאַרטנערס" און באַטראַכטן די אַר־בעטער מיט אַ געפיל פון האָפענונג — זייער געלט וועט וואַקסן... פילע באַלעבאַטים זיינען אויף אַזאַ אופן רייך געוואָרן. און אַ שמאַלציקע פרייד שפּרייט זיך אויס אויף זייערע פעטלאַכע גע־זיכטער.

אָט שטעלט פאַר דער אַלטער שאַפּ־טשערמאַן דעם נייעם, ברוי־דער דזשעק שטעלט פאַר ברודער העריין. דזשעק איז דורכ'ן סטרייק אויסגעמאַטערט געוואָרן. העריי איז יונגער, שטאַרקער, האָט אַ קלענערע פאַמיליע אין הויז — האָט אויף אים דער זעכצן־וואָ־

בענדיקער סטרייק און דער פריערדיקער לאַנגער סלעק ווייניקער געווירקט. איז הערי שטאָלץ אין זיין גאַנג, אין זיין ריידן מיט׳ן באָס.

— נו, ווען קומט מען אריין, ווען הויבט מען אָן צו אַרבעטן, מיסטער פליגל? — האָט הערי שטאָלץ געפרעגט.

— איך בין איצט ניט אַליין, — ווייזט מר. פליגל אויף זיינע נייע „פּאַרטנערס״, — אויך זיי וועט איר מוזן פרעגן, אויך זיי וועט איר מוזן אויסהערן.

ס׳קלינגט דער טעלעפאָן: „זאָל זיין מיט גליק!״ — „אַ דאַנק, אַ דאַנק!״ דאָס האָט אימיצער געוואונשן דעם באָס פאַר זיין מוט זיך אָפּצורייסן פון זיין „אַסאָסיאיישאַן״ און סעטלען מיט דער יוניאָן — האָבן די אַרבעטער דערקענט אין באָס רייד.

ווייטער, אין שאָורום. ס׳דרייען זיך ארום „סיילס־לייט״, ׳ביירס״, מאָדל־מיידלאַך — די גאַנצע קאָמאַנדע, וואָס לעבט אויף די 14 מאַשינקעס, אויף די 14 אָפּערייטאָרס. דרייען זיי זיך ארום אויף די גרינע פּלאַשענע קאַרפּעטס. פרייען זיי זיך — היינט־מאָרגן, די אַרבעטער וועלן זיך איינזעצן, ס׳וועט זיין ביזנעס...

— פאַרפאַלן! גוט אָדער שלעכט, אַזוי איז דאָס! — שרייט אויס סעם דער אָפּערייטאָר.

— זיי וועלן בלייבן באָסעס און מיר די אַרבעטער, — זאָגט נאָך חיים, אַן אַלטער פינישער.

— ניט גע׳דאגה׳עט! — פאַלט אריין לואי, דער אונטער־פּרע־סער, אַ גאַנץ קרעפּטיקער אידל.

אַט טראָגט דער שוואַרצער דזשים ברויט מיט הערינג און פלעשלאַך פון פאַרבאָטענער משקה.

— וואָס שטייסטו דאָרט אַזוי פאַרצווייפלט? — שרייט אויס היימי „דער לאַנגער״ צום נייעם פערצנטן אָפּערייטאָר, — דיינע שיפן זיינען אונטערגעגאַנגען? מאַך אַ שנאַפּס, נעם אַ שטיקל הע־רינג. ביי גאָט איז דאָ אַ סך וואָכן... מיר וועלן נאָך מאַכן אַ סיזאָן!

— לאָמיר זיין פריילאַך! — שרייט אויס אַן אַנדער אַרבעטער,
— לאָמיר טרינקען פאַר אַ גיכן סעטלעמענט פון גאַנצן סטרייק!
לאָמיר טרינקען פאַר אונזער יוניאָן! פאַר אונזער פירער!

אָבער מאַקס, דער פּערצענטער אַפּרייטאָר, דער נייער צוגע־שטעלטער צו דעם שאַפּ, ווי דער שטעמפּל פון זיין וואָירקינג קאַרד ווייזט: „אַדזשאַסטעד וואָירקער", איז אומעטיק און פאַרטראַכט. אים קריכן ניט אין קאָפּ די אַלע רייד. ער האָט שוין פילע אַ זעלבע שמחות בייגעוואוינט. זינט די אינדעפּענדענט סעטלמענטס האָבן זיך אָנגעהויבן, איז ער שוין אויפ'ן פינפטן פּלאַץ, אין דעם פינפטן שאַפּ, און אומעטום די זעלבע צערעמאָניע — וואו אַ גרעסערע, וואו אַ קלענערע. און דאָס איז אַלץ פריער, איידער מען זעצט זיך צו דער מאַשין.

ניט אין איין שאַפּ האָט אים דער באָס געפרעגט: „האָט איר שוין אַמאָל געאַרבעט ביי אַזאַ ליין אַרבעט? אַלץ ווערט דאָ אויס־געניייט אויף דער מאַשין" און נאָך אַ האַלבן טאָג אַרבעט פלעגט שוין מאַקס אַ פאַרשעמטער, מיט אַ האַלבן טאָג „פּעי", לויפן אין דער יוניאָן נאָך אַ „רעלים", נאָך אַן אַנטלאַסונג פון דעם ניט־צו־געפּאַסטן שאַפּ.

שטייט איצט מאַקס אַ צעשראָקענער, גלויבט שוין זיך אַליין ניט.

„וועל איך שוין דאָ בלייבן אַרבעטן? וועט דאָס שוין זיין מיין לעצטער שאַפּ?" — האָט זיך מיט אַ בלאַסקייט באַצויגן זיין מי־דער פּנים — „ווען וועל איך שוין אַמאָל ווערן אויס „אַדזשאַסטעד וואָיקער"? — האָט ער זיך געטראַכט — „ווען וועל איך שוין ווי־דער אַמאָל ווערן אַ רעגעלער אַרבעטער גלייך מיט אַלע אין שאַפּ?"

אַ שניי אויפ'ן האָדסאָן

דער קראַנקער ג. פון בעט נומער דרייצן אין דעם ערהוילונגס פּלאַץ ביים ברעג פון בארימטן טייך האָדסאָן, האָט זיך די גאַנצע נאַכט געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און בשום אופן ניט געקענט איינשלאָפן, זיך אַלץ געקאַרטשעט אין שווערע ווייטאַקן. מיט יעדן ווינט־דריי, מיט יעדן וועטער־בייט אינדרויסן, זענען זיינע אָפּעראַציאָנס־צייכנס געוואָרן אַלץ מער און מער עמפּפינדלאַכער... אָפּגעלאָזן האָבן זיי אים נאָר ווען אין זיין גע־דאַנק האָבן זיך פאַר זיינע שלאָפלאָזע אויגן אויסגעלייגט ווערטער, אויף אַ בריוו צו זיין פאַמיליע אַהיים:

„וואָס איז שייך מיר, פיל איך זיך דאָ זייער גוט. פון די אָפּע־ראַציאָנס־צייכנס, פון אָפּעראַציאָנס־שניטן איז קיין זכר ניט גע־בליבן".

מער ווי געציילטע רגע'ס האָלט דער חלום ניט אָן. באַלד נעמט אָן אַנדער וואונד־צייכן ציען.

איך וועל זיי שרייבן: „אַז מיט יעדן טאָג פיל איך זיך בע־סער און בעסער... וועגן פּלאַץ. האָב איך נאָך אין מיין לעבן אַזאַ פּראַכט, אַזאַ שיינקייט ניט געזען; טייך, באַרג, ביימער און זון וואָס וואַרפט פינקלדיקע בלויע דימענטן אויפ'ן ווייסן גלאַנציקן שניי. היינט דאָס עסן, טרינקען, בעט און באַדינערשאַפט בעסער ווי אין אַן אייגענע היים, ווי ביי אַן אייגענע פרוי, ווי ביי אַ ליבע מוטער... דערצו אַ וואַרימע חבר'שאַפט פון דעם „הויפּט", פון דעם בעל הבית, פון „סופ." אין זעלבן געפיל גיט דער דאָקטאָר, די

נוירס. אויך די מעדיצינישע הילף... — אזוי האָבן חלומות גע־קעמפט מיט ווירקלאַכע ווייטאַקן.

נאַכט־לאַנגע שעה׳ן האָבן זיך געצויגן. אַז איין צייכן־שניט האָט אָפּגעלאָזט, האָט אַ צווייטער, אַ גרעסערער, גענומען פריער רייצן, דערנאָך בריען און ברענען. אַזוי ביז אין סאַמע מאָרגן אַריין, ווען דער גלאָק האָט זיך צעשריען, „אויפשטיין“... !

רייצונג, בייסונג און ברענונג זיינען פלוצלונג ווי פאַרשוואונדן. שלאָף איז איצט געוואָרן אזוי זיס, אַזוי ליב און אַזוי טייער. אָבער אַז גלאָק קלינגט, אַז גלאָק רופט... איז ניטאָ קיין תירוץ. דיס־ציפּלין“... דאָקטאָר, נוירס, „סוף.“ און דינערשאַפט. מ׳מוז פאָלגן, מ׳מוז אויפשטיין... אַלץ מוז מען פאָלגן. אַלעמען מוז מען פאָלגן. צו איינעם וואָס מיינט באמת דעם קראַנקנ׳ס טובה, דעם קראַנקנ׳ס געזונט, צו איינעם וואָס מיינט ניט מער ווי פאַר זיך אַ פאַר־סענטיקן־„טיפּ“, אָדער גאָר איינעם וואָס מיינט נאָר אויפצוהאַלטן אַלגעמיינע רו און אָרדענונג וואָס שטערט אָפט פיל דעם יחיד, דעם איינצעלנעם.

ווי כאַראַקטער איינגעשפּאַרט ג. איז ניט געווען האָט ער דעם אויפשטיין־רוף, פּינקטלאַך דאָך געפאָלגט; ווי אַלע קראַנקע, גע־זעצט אויפ׳ן בעט איבערטאָן די נאַכט־קליידער. גרויסע לעקטרי־לאָמפּן איז שוואומיקע־פּאַרעם, האָבן פון סופיט אויפגעבליצט און געוואָרפן אַ מאַטע ליכט אויף די ווייסע בעטלאַך, אויפ׳ן טונקעל גרויען, גלאַנציקן דיל. איינציקווייז זיך געלאָזן צו די וואַסער־קראַ־נען, טראָגנדיק מיט זיך האַנטעכלאַך, זייף, קעמלאַך, צאָן־ און האָר־בערשטלאַך, ווער ס׳האָט זיי אַרויסגענומען פון די גרינע בלעכענע מנעול׳ן וואָס האָבן זיך געעפנט מיט סקריפּענדיקע גע־שריי און ווער ס׳האָט, אַט די קליינינקייטן געהאַט אַנגעגרייט פון נעכטן.

— נאָך אַ שעה און עס וועט זיין מאָרגן־ברויט — האָט יעדער, געטראַכט ווען דעם אָנהייב פון לאַנגווייליקן טאָג־רוטין.

אינדרויסן דער ווינט, דער שטורם האָבן בערג גאַנצע מיט

שניי אַרום די גלאַז באַפּענסטערטע ווענט, אַנגעוואָרפן, אַז ס'האָט זיך געדוכט אַז די גאַנצע קראַנקן־הויז וואָס געפינט זיך איינע אַליין אין דעם גאַנצן געגענט ווערט פאַרשלונגען אין טיפן, ווייסן שניי.

אָבער מיט'ן ערשטן שפּראַץ אויף טאָג האָט דער שטורם אויפ־געהערט, זיך אָפּגעשטעלט.

אַ פאַרביילויפענדע באַן האָט פון־זיך געוואָרפן שוואַרצע שטי־קער רויך פאַרבענדיק דעם פרישן אַנגעשאָטענעם ווייסן שניי.

— עס לייטערט זיך, עס לייטערט זיך, האָבן די קראַנקע איינער דעם צווייטן אָנגעזאָגט די בשורה. ס'וועט נאָך היינט זיין אַ שיי־נער טאָג, מ'וועט נאָך היינט קענען זיין אינדרויסן, שעפּן פרישע, ריינע לופט. —

ג. איז פון דער גוטער בשורה, אַז היינט וועט זיין אַ שיינער טאָג, אַז מ'וועט היינט קענען זיין אינדרויסן שטאַרק דערפרייט געוואָרן. ער וועט ביים זייט פון באַן־וועג שפּאַצירן ווייט, ווייט, ביז'ן „ווילעדזש" שטאַרקן די פיס־מוסקלען וואָס זיינען דורך אַ פיס־שטייענדיקע באַשעפטיקונג שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן.

דאָס וואָס אַזאַ גאַנג איז אַ פאַרבאָטענע, אַ שטרייננג ניט־דערלויבטע, איז שוין פאַר אַזאַ גאַנג, פאַר אַזאַ שפּאַציר געוואָרנט געוואָרן — מיט אַרויסשיקן, האָט ג.'ן ניט געשראָקן.

— איך בין ניט קיין יאָלד! זאָגט ער, סטראַשעט ער, מיינענ־דיק דעם הויפּט, דעם „סופּ." מיט זיינע וואָרנונגען, מיט זיינע טענלאַכע רעדעס: ווי אַזוי מ'דאַרף זיך דאָ פירן, ווי אַזוי מ'דאַרף דאָ לעבן. — איך בין „אַ באַרבער" זיך גענוג אָנגעזעצן און גענוג אָנגעהערט, „פּלענטי" מענטשן געראַזירט און געשאָרן... — האָט זיך ג. מעשה פּאַכמאַן, מעשה העלד זיך צעלאַזט ווייזענדיק אָפט יעדן אַ נעל מעש־בלעכל צוגעטשעפּעט צום לינקן זייט קליאַפּ פון זיין ברוין רעקל, — איר זעט אָט דעם צייכן, דאָס איז פון אַזאַ „אָרדן", פון אַזאַ פאַריין וואָס קען מיר פון אַלץ באַשיצן...

— אויף דער וועלט, האָט זיך ג. נאָך מער געגומען היצן, ווערן געטאָן מער זאַכן וואָס מ׳טאָר ניט, ווי זאַכן וואָס מ׳מעג יאָ, וואָס איז דערלויבט... אָפּגעזאָגט, האָט זיך אַ מינע פון שטאָלצקייט אַרויפגעצויגן אויף זיין קריינקלאָך, לייגגלאָך, בלוט־אָרעמען פּנים.

דערווייל זיינען די עטלאַכע וואָסער־קראַנקע פּאַרנומענע גע־וואָרן. ג. מיט זיין שכן ל. פון בעט נומער פערצן, וואָס האָט אים אויסגעערט מיט גרויס אינטערעס האָט איצט אויסגענוצט די גע־לעגנהייט פון צוגעלאָזנקייט, פון זיין באַריידעוודיקייט און גע־בעטן: — זייט אַזוי גוט, מר. ג., און ראַזירט מיך אָפּ, ווי איר האָט מיר נעכטן צוגעזאָגט, ווייזנדיק זיין בלייך־ביינערדיק פאַרוואַק־סענעם פּנים.

— איז מיין לעבן, האָט ל. זיך געבעטן, אָפּעלירט, האָב איך זיך אַליין קיינמאָל ניט ראַזירט... דערהערט אַזאַ געשיכטע איז ג. אַ לעבעדיקער געוואָרן. אויב אַזוי, האָט ער מיט באַגייסטערונג אויסגערופן, איז דאָך אייך אַ מצוה צו ראַזירן...

אַז ל. איז געזעסן אויפ׳ן „באַרבער־שטול״, געמאַכט פון ל.׳ס ווייסן בעט־שטול און קישנס, האָט ג. וואונדערנדיק גערעדט: „ווען אַלע מענטשן וואָלטן געווען ווי איר... וואָלטן מיר דאָך איצט אין אַמעריקע אַזאַ קריזיס ניט געהאַט... פּאַרטיק געוואָרן מיט ל.׳ן האָט זיך ד. קראַנקער פון בעט נומער איינס, נאָך גאָר אַ יונג קינד פון אַ יאָר 13־14 מיט אַ בלאָנד׳ באַמאַכט פּנימל צוגערוקט, „פּליז גיוו מי אַ שייוו טו״, זיין געבעטן, דער ליכטיק בלאָנדע, פאַר־וואַקסן קינד׳ס בלייכן פּנימ׳ל, האָט אויפ׳ן „באַרבער״ ג. און אויפ׳ן ראַזירטן ל. געמאַכט אַ האַרצרייסענדיקע ווירקונג. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, דערזעענדיק אין דאָס געזיכט דעם געשטאַלט פון זייערע אייגענע קינדער...

— די שעה זאָל קיין שעה ניט זיין... — האָט זיך ביי די על־טערע קראַנקע געוויקעלט אויף די הערצער.

ג. האָט אויך פון ד. מיט זיין גאָלמעסער די הילפלאָזע בלייכ־

קייט אַראָפּגענומען, ראַזע־פּאַרביגקייט, לעבעדיגקייט אַרויפגע־
צייגן אויפ'ן קינד'ס יונג, פריש, באַוועגלאַך פּנימ'ל.

לאַנג האָט אַבער זייער דרייענס שמחה, פון „באַרבער" ג. פון
די ראַזירטע, ל. און ד. ניט אַנגעהאַלטן. דאָס אַריינקום פון „פּאַר־
טער" פּ. מיט געשרייען און זידלערייען פאַר אַנשטעלן די שטולן,
נוצן די קישנס, זיך צעלייגן מיט די זייף, האַנטעכלאַך און האָר־
בערשטלאַך.

— הינטישער זון, וואָס האָסטו דאָ געטאָן, וואָס האָסטו דאָ
געמאַכט ? ? — האָט אים דער פּאָרטער געוואָרפן „קאָמפּלימענטן"
פאַר זיין גוטע, ווייכע האַרץ, פאַר זיין אומזיסטיקע אַרבעט.—אַזאַ,
אַזאַ ! ... האָט דער „פּאָרטער" אין ג.'ן געגראָבן זיינע שטעכיקע
אויגן.

— דינג, דינג, דינג... — האָט גלאָק צעקלונגן און צום פרישׂ־
טאָק גערופן : — דינג ! ! ! אויגענבליקלאַך איז דער „וואָרד", דער
קראַנקען־שלאָף־צימער געוואָרן ליידיק. מער ווי ג. און דער צע־
רייצטער פּאָרטער האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. — פאַר וואָס באַ־
ליידיגסטו מיר ? ... האָט ג. צעשראָקן געפרעגט : — הינטישער
זון ! ! ! האָט זיך דער „פּאָרטער" נאָך העכער צעשריען.

בלוט, וואַרימע מענטשלאַכע בלוט, האָט אויפגעזאָטן, אויפגע־
קאָכט און אויפגעברויזט : — הינטערשער זון, גרעפּט־נעמער און
נאָך ערגער ביזטו, דו אַליין... — האָט קראַנקער ג. אַ געוויטאַק־
טער געשריען אויף צוריק.

אונטן אין עס־צימער זיצן איצט די קראַנקע שטיל, ווי זיי
זיינען שוין פיל מאָל אָנגעזאָגט געוואָרן. עסן זייער פרישטאָק אונ־
טער פאַרשיידענע מאַנירן, פּראָסטע, עדעלערע און גאָר פיינע.
אַזעלכע וואָס גריזשען אויס דאָס ווייכע ברויט און וואַרפן די האַר־
טע דעם שכן אין פּנים, אַזעלכע וואָס עסן דעם קאָמפּאָט מיט דער
גרויסער לעפל שפייענדיק די ביינדלאַך נעבן צווייטענס טעלער

אויך אַזעלכע וואָס עסן ״איינציקע״, קליינע ביסענס, רואיק, שיין און געלאַסן. אַ זאַך וואָס ווערט פּאַרקוקט פון דאָס מענעדזש־מענט אויף ביידע אויגן... אַבי עס'זאָל זיין שטיל... אַבי מ'זאָל שווייגן... אָבער וואָס שטילער ס'איז איצט אונטן אין עס־צימער אַלץ טומלדיקער איז אויבן צווישן ג. און דעם „פּאַרטער". דאָרט אויבן זיצט ניט די נוירס מיט איר טיש־גלעקעלע און ביי יעדער ריר מיט די ליפּן בעטענדיק דערלאַנגען פון איין קראַנקן צום צווייטן, אַ שטיקל ברויט, דעם זאַלץ און פּעפּער בעכער'ל — אַ קלונג... וואָס ס'מיינט שווייגן, שווייגן כאָטש ווערן דאָ דערשטיקט. אַזוי איז דאָ איינגעפירט, אַזוי מוז מען זיך דאָ פירן... אַפילו ווען איינער טרינקט זיין טיי אָדער קאַווע פון אַ גרויסע סופּ־טעלער אָדער עסט די הערינג מיט בלויזע הענט און טאַפּט דערנאָך דורך יעדע שטיקל ברויט, אַנוואַרפנדיק אַ עקל־געפיל אויף די איבעריקע.

מענטשן דאַכט זיך פון איין נאַציאָן, פון איין רעליגיאָן. דאָך אַזוי פאַרשיידן, אַזוי אַנדערש די מאַנירן, די זיטן פון די געגענטן, פון די גראַדן שפּיגלען זיך אויף זייער אויפ'ן עסן און טרינקען.

שטעט, שטעטלאַך און דערפער. ציוויליזירטער מאַניר מיט פּרימיטיווקייט, מיט מיטלאַלטער. אידן פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, רומעניע, גאַליציע, שפּאַניע און פּאַלעסטינע אויך געבאָרענע דאָ, אין דעם לאַנד, אין אַמעריקע. אַלץ ביי איין טיש פון 16 זיץ פּלעצער. אַנדערע זאַגאַר מיט צווייענדיקע נאַציאָנאַליטעטן. דאָרט געבאָרן און דאָ דערצויגן... שווייגן דאָס איינציקע וואָס אַלע גלייך מוזן פאָלגן. ווען ניט, דינג... קלינגט דאָס גלעקל, דינג...

די צוויי ראַזירטע ל. און ד. וואָס צוליב זיי קומט איצט פּאַר אויבן דער קריג צווישן ג. און דעם „פּאַרטער". זיצענדיק ביי צוויי באַזונדערע טישן האָבן שוין גאָר פאַרגעסן אַז ג.ל'ן, זיי האָבן שוין דעם צווייטן טעפּעל קאַווע געטרונקען. אַט, אַט. און די נוירס וועט קלינגען צוויי מאָל, דינג... דינג... וואָס וועט מיינען, מ'איז שוין פריי... פריי פון דעם עסן, פון די טישן און פון שווייגן...

צווישן ג. און דעם „פארטער“ אין „וואָרד“ אויבן האט זיך איצט צעפלאקערט דער ריכטיקער קאמף. פעדערן זיינען געפלויגן ווי דער שניי ארום דעם האדסאָן, אויף די קולות, איז דער הויפּט, א פעט קוילעבדיק מענטשל פון א העכערן עטאזש זיך גענומען טרעפּלען, קייקלענדיק צום ארט, פון וואנען די גוואלדן קומען.

— „וואָט, טו, טרי“ „סקרעם“, „בידעט“ גיך פאק דיינע זאכן — האט דער „סופּ.“, דער בעל־הבית פון דער פילאנטראפּישער היילונגס אנשטאלט פון גארניט געוואָלט וויסן, האט דעם קראנקן ג. אפילו ניט געלאזט אויסריידן קיין וואָרט. — „סקרעם, בידעט“... אים גע'משפּט מיטן ערשטן בליק פון זיינע ביטרע, שארפע, דורכדרינגענדיקע אויגן. — „סקרעם“ און „בידעט“.

ג. איז געשטאנען מיט בלוט און טרערן פארלאָפענע אויגן. ניט געוואוסט וואס צו זאגן, וואס צו ריידן, אפילו ניט געוואוסט וואס צו טאָן, זיך פארגעסן אז די „מעשענע־בלעכעל“... די פּלוצלונגקייט פריער פון „פארטער“ און איצט פון „סופּ.“ האבן אים אינגאנצען צעמישט. מחמת ג.'ס רייד, די באַרימערייען פאר די קראנקע איז בלויז געווען דער טומל פון זיינע ווייטאָקן. זיין גייסט האט געזוכט צו פארגעסן דורך שארפע אויסדריקע, דורך נארישע, ניט לאגישע רייד...

ביסלעכווייז האט זיך ג. ארומגעזען וואו ער איז אין דער וועלט. אנטקעגן וועמען ער שטייט פנים על פנים. געגן א גאנצן זאטן מענטשן, א „סופּ.“ פון א פילאנטראפּישע היילונגס־אינסטיטוציע. ג. האט א שטארקן שפּיי געטאָן, גיך, מיט כעס און ענטריסטונג גענומען ווארפן די זאכן זיינע אין קעסטל, די אומריינע וועש געפּאקט אין אלטע צייטונגס פּאפּיר און זיך געלאָזן גיין צום נאָענטן ארויסגאנג, וואו אויטאָמאָבילן יאגן זיך הין און צוריק, פון און צו דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק.

— ניין, ניין! — האבן ביידע, דער „סופּ.“ און דער „פּארטער“, אים דעם קורצן, גלייכן וועג פארשטעלט.

— ניט דורך דאַנעז, ניט דורך דאַנעז!

דורך אַהינטער טיר, נידעריקער צום האָדסאָן, דורך טיפֿן באַר־גיקן שניי־וועג איז ג. פֿון ביידן געשטויסן געוואָרן: — „בידעט", „סקרעם" ...

דער פּאַפּיר־פּעקל איז צעשפּאָלטן געוואָרן... צייטונגס־פּאַפּיר, אַרבל פֿון אומריינע וועש, שניי און ווינט האָבן זיך אויסגעמישט, שמייסנדיק ג. אין פּנים. מיט די לעצטע קרעפֿטן האָט ג. בוכענדיק דעם טיפֿן שניי צום ברייטן אויטאָמאָביל־וועג געשריען, רופֿנדיק נאָך הילף: — נעמט מיך אַהיים! — נעמט מיך אַהיים!!!

א פייער-דריל

פאר ביילקען איז אלץ אין שאפ ניי: די פאבריק, די מאשינען, די שער און אייזנס, די איינגעבויגענע צוגעשמיטע מענטשן, אלץ איז אנדערש, אלץ איז ניי.

אין דער היים, פון וואנען זי איז ערשט מיט עטלעכע וואכן פריער געקומען, האט זי אויך געארבעט ביי דער זעלבער ארבעט. גענייט מיט'ן האנט. מיט דער מאשין, געפרעסט, אפטמאל זיך אויך צעזונגען מיט א ליד פון קאמף, פון ליבע. ווי עס איז געווען די שטימונג, ווי דאס הארץ האט געפילט. אמאל אפילו אויך א שפאס געמאכט. דא אבער, אין נייעם, גליקלאכן לאנד, אין אמעריקע, איז א ניו־יארקער קלאוק־שאפ, האט מען איר, ביילקען פאר א באטז־נייערן געמאכט. מער ווי קנעפלאך דארף זי ניט נייען, און גאנצע בערג פרויען מאנטלען ליגן פאר איר שטענדיק אנגעגרייט.

די פינגער אירע זיינען פון גראבן פאדים געווארן איינגעשניטן. זי האט אלץ געמיינט, אז זי זיצט אין דער היים, ס'קומט איר אויס איין מאל אדער צוויי מאל א וואך אין א פארטיקן בגד א פאר קנעפלאך איינצונייען און גאר אפט אין יענע טעג א פאר קאפיקעס טיי געלט קריגן. פארטראכט בייסט זי דעם פאדים אפ.

— ביילקע! — האט איר א צווייטע מיידל אונטערגעזאגט, — אויף וואס האסטו א שערל? ווערסט זיך נאך צעקאלעטשן, ווערסט זיך איבערשניידן די פינגער, ווערסט נאך קריגן „בלאד־פויזן". דער־מאנט זיך טאקע ביילקע, אז מיט א פאר טעג פריער האט זי גע־

לייענט אין „פייפער“, אַז אַ מאַן האָט געקראָגן „בלאַד־פויזן“, פון בייסן דעם פּאָדים מיט די ציין.

ביילקע׳ס פּנים האָט זיך נאָך מער פאַררויטיקט. פאַרשעמט האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויף איר שכנ׳טע: — מיינסט וואָס דו האָסט געלייענט אין צייטונג? ס׳איז נור אַן אויסגעטראַכטע זאַך. כ׳ווייס, ביי אונז וואָלט אַזאַ זאַך ניט געקענט טרעפן. די אַרבעט וואָלט קיין אַרבעט ניט געווען ווען די ציינער, די ליפּן זאָלן ניט פילן די געוואַנט, דעם פאַרטיקן מלבוש.

אַלע אין שאַפּ האָבן געלאַכט פון דער גרינער ביילקען. כאָטש איר פּנים האָט געשיינט ווי אַ פריש, רויט עפּעלע, מיט זאַפטיק אמת׳ע ניט געפאַרבטע ליפּן. אין אירע שוואַרצע אויגן איז געלעגן דער יונג־מיידלשער דער לעבעדיקער בלוטיקער רייץ. — וואָס קומט אַרויס, זאָגט הערשל אַן אָפּרייטאָר, — זי איז נאָך גרין ווי גראָז.

וואָכן זיינען אַוועק. ביילקע איז שוין מיטן שאַפּ געוואָרן היימיש זי האָט שוין געוואוסט אַז ווען די עלעקטרי סטאָפּט, די מאַשינען הערן אויף זיך צו דרייען, די אייזנס הוזשען ניט מער, די פּאַרע, וואָס נעמט אַרונטער די גלאַנצן, סאָפּעט ניט מער, דאַרף מען אויפשטיין, אַריינגיין אין דרעסינג־רום אַרויפשיטן אויפן פּנים אַ ביסל פּודער און לויפן צום עלעוויטאָר, אַ קוועטש טאָן דעם קנעפּל אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבענעם „דאַון“. דערנאָך אַריינפּרעסן זיך אין שטייג, אַרויסלויפן אין גאַס איבערלויפן די „טרעפיקס“, אַריינשטופּן זיך אין סאָבוויי און פאָרן אַהיים. די ערשטע צייט האָט זיך איר אַפילו געדרייט דער קאָפּ, ביי יעדן פּלוצלינגן אָפּשטעל פון דער באַן האָט זי געמיינט, אַז אַן עקסידענט האָט געטראָפן, די באַן איז פון די רעלסן אַרונטער, אָדער מיט אַנאַנדער צוזאַמענגעשלאָגן. דאָס האַרץ פלעגט זיך אַ צאַפּל טאָן, אַ שפּרונג טאָן. די אויגן פלעגן זיך אַ דריי טאָן, זי פאַלט אויף אַנדערע, אַנדערע פאַלן אויף איר.

— איך האָב שוין ניט מורא צו גיין, צו פאָרן, — איך קען שוין אומעטום טרעפן, אבי נאָר אַן אדרעס. — האָט זי זיך געגרויסט. — אוים גרינע, אַן אַמעריקאַנערן, — האָבן די אַרבעטער צווישן זיך געלאַכט.

איינמאָל אין אַ פאַרמיטאָג, דער שאָפּ, די אַרבעט איז געגאַנגען אין פולן גאַנג, דער פאָרמאַן האָט נאָר וואָס פון איר אָוועקגעטראָגן אַ באַרג מיט באַקנעפּלטע מאַנטלען. די מאַשינען, די אייזנס, דער „סטימער" איז געווען אין פולן גאַנג, אין פולן האסטיקן געלאָף. פּלוצלינג אַ פּייף, אַן אומעדיקער, אַ שרעקעדיקער. אַלץ האָט זיך מיט אומפּעט אויפגעהויבן, נאָר ביילקע איז אַ צעשראָקענע, אַ בלאַסע געבליבן זיצן. דערנאָך זיך אויפגעהויבן. — סטעפּ לייוולי! — האָבן צוויי מענער איינער ציווילנע און דער צווייטער אין בלויע יוניפאָרם־קליידער, געשריען. ביילקע איז נאָך מער צעשראָקן, זי ווייס ניט וואו זי זאָל גיין. וואוהין זי זאָל לויפן. — אַ פייער־דריל, אַ פייער־דריל — האָבן די מיידלאַך איר גערופן. דאָס האַרץ האָט זיך, איר אָפּגעריסן: — אַ פייער־דריל, ווי איז מיר! אין איר געדאַנק זיינען אויפגעשוואומען די בילדער פון אירע טאַטע, מאַמע, פריינד. אין די אויגן איז איר פינצטער געוואָרן, איר האָט זיך געדוכט, אַז דער דיל אונטער אירע פיס האָט זיך אַ בייג געטאָן. זי האָט זיך געפּרואווט אָנהאַלטן אַן אַ וואַנט, אָבער זי איז אומגעפאַלן.

אַ שרעקלאַכער קוויטש האָט זיך לאַנג געריסן פון איר האַלז.

דער צווייטער פּייף האָט די אַרבעטער צוריק אין שאָפּ, צו זייער אַרבעט אַריינגעצויגן. נאָר ביילקע איז אַ צום טויט דערשראָקענע געזעסן נעבן אַן אָפענעם פענסטער. דער פאָרמאַן, דער שאָפּ־טשערמאַן זיינען לעבן איר געשטאַנען, באַרואיקט: — ס'איז גאָר־ניט, נאָרניט, אַ פייער־דריל, ניט מער, אַ פייער־דריל.

מ'קומט מאָרגן אַריין

דער שאַפּ, וואו גריזיל דער קלאָוק אָפּערייטאָר אַרבעט איצט, איז א סך, אַ סך קלענער ווי דער שאַפּ, וואו ער האָט פאַראַיאָרן גע־אַרבעט.

ס'זיינען דאָ ניטאָ פיל מאַשינען, אַזוי פיל אָפּערייטאָרס. אינ־גאַנצן 5 אָפּערייטאָרס, 2 פינישערס, אַ פּרעסער און אַ קאַטער. אויב ס'ווערט אַמאָל בּיזי און די אַרבעטער קענען זיך ניט ספּראַווען איז דער באָס אויך ניט קיין שיפּע זיבעלע. ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַליין אויך גענייט ביים מאַשין. ווייס ער ווי צו האַלטן אַ שער אין האַנט, האָט ער אויך אַ באַגריף אין שניידעריי, און ווען אַלע גייען אוועק פון שאַפּ און עס ווערט שטיל, שפּרייט ער אויס די געוואַנט אָדער די זיידנס און ס'איז שוין העלפט צושניטן. אויף מאָרגן, אַז דער קאַטער קומט לאָזט ער אריין די שנייד מאַשין און זשומענדיק טיילן זיך אָפּ ארבל, פּלייצעס, פּראַנטן. אין אַ האַלבע שעה שפּעטער ליקט דאָס שוין אונטער די אָפּערייטאָרשע מאַשינען.

גריזלען איז אַזאַ אַרבעט ניט צום האַרצן. ער קען ניט ליידן וואָס דער באָס נעמט אוועק די אַרבעט פון אַ יוניאָן־מאַן. און ער איז אויך געוואוינט געוואָרן, אַז די באַנדלס זאָלן ליגן פּאַרטיקע, פּאַר בונדענע מיט אַלטע טרימינגס און וואַרטן. ניט קיין איינציקע שטיקלאַך וואַרע פון אונטערן מעסער, אָן די קענוועגס, אָן די ליינונג.

אָבער גריזיל קען זיך ניט העלפן, אַזוי איז דאָ דער סיסטעם. דאָ איז ניטאָ קיין פאָרמאַן, קיין אויפזעער. דער באָס אַליין איז אַלץ,

דער קויפּער, דער פּאַרקויפער, דער פאָרמאַן, דער אויפזעער, דער דעזיינער. אַלץ טוט ער אַליין, אויסער וואָס עס העלפן אים אַרויס זיינע צוויי זין, לואי און איזי, ביידע גראַדואירטע פון אַ קאַמער־ציעלע שולע, בוך־קיפּערס.

ביים יעדן מאָל אויסמאַכן די פּעי זיינען דאָ מיסטייקס. דעם פעלט פאַר אַ טאָג, דעם פעלט פאַר אַ האַלבן. מ׳גלייכט זיך אָבער אויס, אַמעריקאַנער קינדער פאַרשטיפטע, גיבן צו אַז ס׳איז אַ מיסטייק... אַ ציפער איז אַראָפּגעשפּרונגען. פעלט. האַלטן די אַרבעטער אין איין רעכענען, ס׳זאָל ווידער עפּעס ניט פעלן. ווער רעדט, אַז ס׳קומט אַ יום־טוב וואָך, וואו יעדע שעה איז טייערער. דאָ איז טאַקע ממש אַן אומגליק...

אָבער ווי די אַמעריקאַנער בויטשיקלאַך מאַכן מיסטייקס ביים געבן די פּעי, מאַכן זיי אָבער קיינמאָל קיין מיסטייקס ביים פאַר־שרייבן די אַרבעט, וואָס יעדער איינער מאַכט, ביים היטן די „פּראָ־דאַקשאַן". און אַזוי גיך ווי עס פעלט אויף אַ פולן, געזונטן טאָג אַרבעט, שטעלן זיך אויף די זין מיט׳ן טאַטן, מ׳האַלט אַ קאָנסוליום ווי איבער אַ געפערלאַכן קראַנקן. — מאָרגן דאַרף מען מאַכן די אָפּרייטאָרס צום סטאָפּן — אַז זיי, מיינענדיק די אָפּרייטאָרס, האָבן ניט קיין פולן טאָג אַרבעט ציען זיי... זיצן זיי ביי די מאַשי־נעס און דיסקוטירן, זינגען און קוקן אויפ׳ן זייגער.

דאָס מאָל האָט זיך גריזיל ווי אַ שכור׳ער אויפגעהויבן פון מאַשין, שטאַלץ און צופרידן פון זיך אַליין. פונקט מיט׳ן טאָג איז דער גרויסער באַנדל פון 19 מאַנטלען פאַרטיק געוואָרן. אַריינגע־געבן אַ געזונטן, העלדישן טאָג אַרבעט ווי דער שטאַרקסטער, שנעלסטער אָפּרייטאָר פון שאָפּ. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַ צופרידענער גליקלאַכער שמייכל. ער האָט זיך מעשה העלד אַ לאָז געטאָן גיך צום וואַנט, אַרונטערגענומען דעם אויבער־בגד, זיך אַרומגעדרייט מיט׳ן האַלזטוך און געהייסן פאַרשרייבן זיינע אַכט און אַ האַלב שטונדן. — נאָך אַכט שטונדן און נאָך אַ

גאַנצע וואָך פּעי פּאַר די לעצטע 11 חדשים — האָט גריזיל גע־טראַכט, און אין זיינע אויגן האָט זיך אַ פּייערל פון גליק געוויזן.

— דער סיזאָן קומט, דער סיזאָן קומט ! — האָט ער זיך אין האַרצן געטרייסט. ער מוז קומען, די קלאָוקס איז נאָך ניט אונטער־געגאַנגען, קלאָוקס איז נאָך ניט געשטאָרבן. — אַבי געזונט, האָט גערעדט צו זיך אַליין.

אַז גריזיל איז שוין געווען לעבן דער לעצטער טיר, איז אים דער באָס אַנטקעגן געקומען.

— איר וועט מאָרגן סטאַפּן — האָט אים דער באָס אַ זאָג געטאָן.
— מאַנטיק וועט זיין אַרבעט — האָט ער צוגעלייגט, ווי אַ טרייסט, נאָכדעם ווי אויף גריזיל׳ס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שרעקלאַכע גרימאַסע פון אומצופרידנקייט און פאַרצווייפלונג.

אַ ווײַלע איז גריזיל געשטאַנען און געקלערט, זאָל ער שטיל אוועקגיין אהיים, אַ זוך טאָן אַז אַנדער דזשאָב. ס׳איז דאָך איצט פּאַרט דער סיזאָן. נאָך אַ ווײַלע פון שטיין און טראַכטן איז ער צוריק אַריין אין שאַפּ אַנזאָגן די איבעריקע אָפּרייטאָרס, דעם שאַפּ טשערמאַן, אַז מאָרגן איז שוין יום־טוב... נאָכ׳ן סיזאָן.

ניט קוקנדיק וואָס די אַלטע אָפּרייטאָרס פון שאַפּ האָבן נאָך אין מיטן טאָג באַמערקט, אַז אָט, אָט און ׳עס גייט אויס פון קויש, אַז דער קאַטער שניידט ניט. דאָך האָבן זיי ניט געגלויבט, אַז אין מיטן סיזאָן, צוויי וואָכן פּאַר יום־טוב, זאָל שוין ווערן סלעק.

דער שאַפּ־טשערמאַן, מיט אַ פּאָר אָפּרייטאָרס זיינען גלייך צו־געלאָפן צום באָס. זיך גענומען בעטן :

— .ס׳איז באַלד יום־טוב, לאָזט אונז כאָטש מאַכן דריי גאַנצע וואָכן. מאַכן מיר דען ווייניק אַרבעט," שפּילן מיר זיך דען ? מ׳דאַרף דאָך לעבן."

רייד היינט, רייד מאָרגן — מאַנטיק איז געווען זיין ענטפער. —

די אַרבעטער זיינען אָבער ניט אָפּגעטראָטן: — „צושטערט אונז ניט דעם סיזאָן, לאָזט אונז ענדיקן די וואָך" — האָבן זיי געט׳טענה׳ט. — איבער זייערע פּני׳ער, פון זייערע רייד האָט אויס געדרעדט דער ווייטאָק, דער עלענט.—לאָזט אונז כאָטש מאַכן די וואָך אַ גאַנצע, וועט כאָטש זיין דריי גאַנצע וואָכן.

דער באָס האָט זיך שווין איבערגעוואונקען מיט זיינע זין. — אָבער דאָס איז דאָך ניט קיין אַרבעט, ס׳איז דאָך קאַמאַנעס, העמ־דער, ניט קיין קלאָוקס, מ׳דאַרף דאָך מאַכן כאָטש 40 אַ טאָג — האָט זיך דעם באָס עלטערער זונדל אָפּגערופן.

— איר הערט, מר. פליגל, אויב ס׳וועט נאָר מעגלאָך זיין וועלן מיר מאַכן אַפילו 100 אַ טאָג, — האָט גריזיל געענטפערט. — אין גריזיל׳ס רייד האָט זיך געהערט שרעקלאַכע פאַרצווייפלונג. אין זיינע אויגן זיינען אים אַזש טרערן געשטאַנען.

עפּעס איז מיט אַמאָל דעם באָס האַרץ ווייך געוואָרן. דער באָס מיט די זין זיינען זאַלבע־דריט אוועק אָן אַ זייט אין אַ ווינקל און דריי שטיקער בלויע געוואַנט אַרויפגעוואָרפן אויפ׳ן טיש.

— קומט מאָרגן אַריין, — האָט זיי מר. פליגל ענדלאָך אַ זאָג געטאָן.

אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך אַ שטראַל פון פרייד באַוויזן.

— מ׳קומט מאָרגן אַריין — האָבן די אַפּרייטאָרס גערעדט איינע צו די אַנדערע. — מ׳קומט מאָרן אַריין... האָבן זיי זיך פריילאַכע צוזעגנט און פאַרלאָזן דעם שאַפּ אויף איבער נאַכט.

צווײ הערצער...

(אַ מעשה מיט אַ ווײַס ביבעלע)

געווען אַמאָל אַ ווײַס ביבעלע. אין דעם ביבעלע האָט אַ דיכ־טער׳ס האַנט פאַרצייכנט מיט אַ גאָלדן פען, טאָג־איין, טאָג־אויס, זיינע האַרציקע געדאַנקען און געפילן, אַמאָל קאַפּריזנע געלאַכט מיט הימלישע פרייד...

וואָס אַנדערש וואָלט דער דיכטער געטאָן אין זיינע ליידיקע באַן־שעה׳ן אויף זיין איבער 40־יאָריקער לעבנס רייזע!... ווען טומל און הו־האַ פאַרטראָגט ווייט, ווייט איבער די גרעניצן פון לעבן!...

איז דאָס קליין, שיין, ווייס ביבעלע געווען זיין טרייסט. פירנדיק מיט׳ן פען אויף דעם ווייס ביבעלע, האָט ער אַ נייעם לעבן, אַ נייע וועלט געשאַפן — אַ וועלט פון בלומען, פון פאַרבן, אַ וועלט פון הימלישן גליק.

ביז איינמאָל, אין אַ באַן געדראַנג, ביים אַריינגאַנג, האָט דאָס ווייס קליין ביבעלע פון דיכטער׳ס קעשינקע זיך אַרויסגעשטופּט און איז ערגעץ אַ צוטראַטענער געבליבן ליגן.

אַ וועלט אַ גאַנצע האָט דאָס קליין, שיין, ווייס ביבעלע אין זיך פאַרמאָגט. נאָר איין זאַך האָט דאָס ביבעלע ניט געוואוסט, ווי זיך צו האַלטן ביי זיין ליבן האַר, ביי זיין ליבן דיכטער — אַ דיכטער וואָס האָט אין אים זיין האַרץ, זיין נשמה אַריינגעלייגט, ווי אַ גוטע ליבע מוטער אין איר איינציק קינד.

איז דאָס ביבעלע אַרויסגעגליטשעטער געלעגן אַ צוטראַטענער און געטראַכט: דאָס מזל מיינער איז גראַד געווען אַ גוטער. וויפיל הענט האָבן מיך געהאַלטן, באַטאַפּט, איידער דער דאָזיקער ליבער מענטש האָט מיך אין האַנט גענומען.

טייער האָט מיך דער דיכטער געהאַלטן, אומעטום אויף זיינע איינזאַמע וועגן מיטגענומען, און מיר האָט ער זיין טרייסט געפונען. פון מיר האָט ער געוואָלט מאַכן אַ לייט, ווייל איך בין ניט געווען געפאַרבט ווי מיינע חברים, ניט רויט, ניט געל, נאָר ווייס — ווייס און אומשולדיק...

איצט ליג איך אַ צוטראָטענער, צווישן שטאָל און אייזן, צוגע־דריקט, איינגעפּרעסט און אויפגעשטיקט. אומעטיקע, וואָלקנדיקע טעג מיט פרייליכע לבנה נעכט, וועלטס ווייטיק מיט וועלטס פרייד. שפּאַרן זיך די שווין אויסגעדריקטע געדאַנקען מיט די נאָך גאָר ריינע, ווייסע, ניט־באַרירטע פּאַפּיר בלעטלאַך. דריקן זיך צווישן זיי אַריין די אָפּקלאַנגען פון דיכטער׳ס האַרץ און נשמה. ווער קאָן וויסן, ווער קאָן פילן וואָס דער ליבער דיכטער וואָלט אויף מיר, אויף מיינע ווייסינקע, ריינינקע בלעטעלאַך פאַרצייכנט, וויפיל מענטשלאַכע הערצער וואָלטן שטאַרקער געקלאַפּט פון די ניט־פאַר־צייכנטע געפילן.

אָט זיצט היינט דער דיכטער צווישן בלויען הימל און גרינע ערד, אונטערן שאָטן פון בוימער, הערנדיק פאַרשיידנאַרטיקע פייגל געזאַנג, זוכט דער דיכטער דאָס קליין, שיין, ווייס ביכעלע מיט די אויגן, מיט׳ן האַרץ.

צוויי בייגקען איינער נאָכ׳ן אַנדערן — דאָס ווייסע ביכעלע נאָכ׳ן דיכטער און דער דיכטער נאָך דעם ווייס׳ן ביכעלע. ביידע זיינען אומרואיק, פאַראומערט, נאָר אַ נס קאָן זיי ביידן רעטן. אימעצער זאָל פאַרזיכטיק אויפהויבן דאָס ווייס ביכעלע און אַ קוק טאָן — די גאָלדענע ווערטער, די גאָלדענע געדאַנקען וועלן אַ שפּרונג טאָן, אַ קלונג טאָן און זיך ניט לאָזן צוטרעטן.

וויגן זיך, צאַפּלען זיך צוויי הערצער... רייסן זיך איצט צוויי אומשולדיקע נשמות, וואַקלען זיי, בלאָנדזשען זיי, איינס אַ פאַרוואָרפענע און דאָס צווייטע אַ שוועבנדע צווישן הימלען און וואָלקנס. ביידע לעבן, וואַרטן, האָפן, אַז אימיצער וועט זיך ערגעץ אָפּזוכן, וועט עס אויפהויבן און וועט זאָרגפעלטיק אַרויסציען דאָס גוטע, דאָס שיינע, דאָס ליבע האַרציקייט, וואָס דאָס קליין, שיין, ווייס ביכעלע פאַרמאָגט אין זיך.

זיכער וועט עס אַזוי זיין. די צייט וועט קומען, ביידע וועלן איינע די אַנדערע קושן, האַלזן. די פרייד פון געווינס וועט דערפרייען אַ סך, אַ סך מענטשן, אַ סך, אַ סך הערצער...